STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04517

BERL KATSENELSON

*Permanent preservation of this book was made possible
by Edward & Hannah Truth
in memory of
Louis & Frieda Pelzig*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בערל קאַצנעלסאָן

(צו זיין פופצנטן יאָרצייט)

רעדאַקטירט און צוזאַמענגעשטעלט פון

מ. מערמעלשטיין

אַרויסגעגעבן דורך דעם
לאַטיין אַמעריקאַנער דעפּאַרטאַמענט פאַר דער הסתדרות
אַפיליאירט מיט דעם
נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פאַרן אַרבעטנדיקן ישראל

א ר ײ נ פ י ר

בערל קאצענעלסאָן האָט געהערט צו די שענסטע געשטאַלטן פון דעם געשעעניש־רײַכן דור אין אונזער געשיכטע, אין צענטער פון וועלכן עס איז געשטאַנען די ײדישע ארבעטער באַוועגונג; דער דור וועלכער האָט געלײגט דעם פונדאַמענט פון מדינת ישראל. אין א צײַט ווען עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די ײדישע געשיכטע קײַקלט זיך ארונטער אין דעם אָפּגרונט פון פאַרניכטונג, האָט דער דאָזיקער דור געפונען אין זיך דעם כח אַרײַנצוואַרפן זיך מיטן גוף און מיט דער נשמה אין דער ארבעט פון לײגן נײַע יסודות אין ארץ־ישראל און דורך דעם פאַרזיכערן דעם המשך פון ײדישן פאָלק.

בערל קאצענעלסאָן האָט געהערט צו די בולט'סטע געשטאַלטן פון דעם דאָזיקן דור. זײַן לעבן איז געווען א סינטעז פון תורה און מעשים און זײַנע מעשים זײַנען ניט געווען קלענער פון זײַן תורה. זײַן גאַנצן לעבנס־וועג האָט ער געבלאָנדזשעט און געזוכט. ער איז געווען אַן ארבעטער און א חלוץ, א שריפטשטעלער און א רעדאַקטאָר, א לערער און א מנהיג. זײַן פערזענלעכקײַט איז געווען א מזיגה פון חן און כישוף, פון גרויסקײַט און חבר'שאַפט, פון מחשבה און טאַט, פון גײַסטיקער רײַנקײַט און פשטות און זײַן לעבן גופא איז געווען ניט ווײַניקער פראַכטפול און ווערטפול פון זײַנע מעשים און זײַן לערע.

מיט 15 יאָר צוריק, כ"ד אב תש"ד (1944) איז בערל קאצענעלסאָן געשטאָרבן. ער איז אַוועק פון אונדז אין די שווערסטע טעג פון אונדזער געשיכטע - בעת מיליאָנען ײדן זײַנען אומגעקומען אין די קאַלכאויונס פון

מאידאנעק און אַסוויענטשים. און כאָטש ער
איז געשטאָרבן ווייט פון זיי זעען מיר אים
ווי איינעם פון זיי. זיין וועלט איז אונטער־
געגאנגען אין יענע גהינומס - די וועלט פון
מזרח־איראָפּעאישן ייִדנטום, וואָס ער איז גע־
ווען איינער פון אירע עכטסטע זין אין אונדזער
דור.

מיט דער בראָשור ווילן מיר פונדאַסניי
באַקענען אונדזערע חברים און פריינט אויף דעם
אמעריקאנער קאָנטינענט מיט די אידייען און
לעבנס־וועג פון דער איינגאַרטיקער בערל קאַצע־
נעלסאָן: פּערזענלעכקייט און דורך דעם באַערן
זיין ליכטיקן אָנדענק. דער בלויז וואָס ער האָט
איבערגעלאָזט מיט זיין טויט איז ביז היינט ניט
אָנגעפילט געוואָרן און ער פעלט אלעמען אויס.
ער פעלט דער מדינה, דער התאחדות, דער ציוני־
סטישער אַרבעטער באַוועגונג און די טויזנטער
יחידים, פאר וועמען ער איז געווען און וואָלט
געווען אַן אמת'ער חבר. מיר ווען שוין מסתמא
אַזעלכע ייִדן ווי ער ניט זען. די וועלט וואָס
האָט זיי אויסגעפאָרעמט איז פאַרטיליקט געוואָרן.
עס בלייבט אונדז בלויז די נחמה, אַז ער און
אַזעלכע ווי ער זיינען געווען צווישן די פּיאָנערן
און בוימייסטער פון אַ נייעם אָנהויב פון דער
ייִדישער געשיכטע.

מ. מ.

„די מדינה - מער ווי זי איז אַ ציל - איז אַ
נויטווענדיקער אינסטרומענט אויף צו דערגרייכן
די וויכטיקסטע זאַכן אין דעם לעבן פון פאָלק„.

- בערל קאַצענעלסאָן

בערל קאצענעלסאָן

ביאָגראַפישע שטריכן

בערל קאצענעלסאָן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1887 אין באָברויסק, ווייס־רוסלאַנד. זיין פאָטער איז געווען א סוחר און א ייד א משכיל, וואָס האָט געזאָרגט דערפאַר אז זיין זון זאָל קריגן א גוטע יידיש־העברייאישע דערציאונג. בערל איז געווען א קראַנק יינגל און האָט לאַנג אין „חדר" נישט געלערנט. זיין בילדונג האָט ער זיך דער עיקר דערוואָרבן מיט אייגענע כחות. ביי זיין טאַטן אין הויז איז געווען א פיינע ביבליאָטעק און בערל האָט די מערסטע צייט פאַרבראַכט אין דער ביבליאָטעק, אריינגעטאָן אין ספרים פון דער העברייאישער ליטעראַטור, לויט אירע תקופות, און אין דער רוסישער ליטעראַטור. אין זיין פאָטער'ס ביבליאָטעק האָט ער זיך דערוואוסט וועגן ארץ ישראל און איר ערשטער בישוף האָט אים ארומגענומען.

ווען בערל איז אַלט געווען 13 יאָר איז געשטאָרבן זיין פאָטער. ער, דער בכור, האָט געדאַרפט העלפן זיין מוטער מפרנס זיין די משפחה. ער האָט פאַרענדיקט א קורס פאַר פאָלקס־לערער און האָט זיך באַשעפטיקט מיט לערעריי אין א צאָל שטעט און שטעטלעך פון תחום־המושב.

נאָך אַלס יונגער בחור איז בערל אריין אין דעם געזעלשאַפטלעכן קעסל: אין ציוניזם איז דאָס געווען די תקופה פון הערצל און פון דעם אוגאַנדא־קריזיס און אין רוסלאַנד - די רעוואָלוציאָנערע תקופה פון 1905, איר דורכפאַל און די פאָגראָמען וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט. ער האָט א סך ארומגעזוכט און האָט געביטן שטרעמונגען און פאַרטייען. געווען א צייט ווען ער איז נאָענט געווען צו די „סיימיסטן" - א פאַרטיי וואָס האָט געגלויבט

אין דער עטאבלירונג פון ייִדישע אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס אין גלות, וואָס וועלן דאַן פירן צו א טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע; געווען א צייט ווען ער איז נאָענט געווען צו די טעריטאָריאַליסטן. צום סוף איז ער אריינגעפאַלן אין א טיפן יאוש צוליב דער שפע פון פּאַרטייען, פאָרמולעס און נוסחאות, וואָס האָבן נישט אין זיך קיין ממשות'דיקן אינהאַלט און קיין ממשות'דיקן טאַט. מיט יאָרן שפּעטער האָט בערל אזוי געשילדערט די דאָזיקע תקופה:

„איך ווייס נישט צי אונדזערע אבות וואָס פּלעגן אויפשטיין אין די נעכט פראַווען חצות און פאַרגיסן טרערן אויף דער שווערקייט און ביטערקייט פון גלות, האָבן אזוי געוויינט און זיך אויפן בראָך און דער חרפה פון אונדזער פאָלק, ווי מיר, די צעשטורעמטע יינגלעך פון דער רעוואָלוציע. די וועלט-כוואַליעס האָבן אונדז איינגעשלונגען, דער ווין פון דער רעוואָלוציע האָט אונדז פאַר-שיכור'ט, אין אירע אַרמייען האָבן מיר גע-דינט, אין אירע שטורעמס האָבן מיר זיך געמאַטערט און אין אירע דורכפאַלן זיינען מיר געשטרויכלט געוואָרן. און טראָץ דעם, אין מיטן פון דעם אַלעמען, זיינען מיר געווען די וויינקע צווישן פּילע, ביי וועמען קיין שום שטורעם האָט נישט אַרויסגעריסן די וואָרצלען פון דעם באָדן פון ייִדישן לעבנס-שטייגער. מיר האָבן זיך פאַרטיידיקט און האָבן באַשיצט אונדזער געטריישאַפט צו זיך אַליין - א געטריישאַפט פון קינדער וואָס זיינען אַוועק פון זייערע טאַטעס. אין דער וואָך און אין חלום האָבן מיר געזען דעם פלאַם פון דער שווערד, דעם פיזישן אונטערגאַנג און די גייסטיקע שריפה פון די ייִדישע מאַסן. מיר האָבן אין אַלץ-געזען סימנים וואָס זאָגן אָן שלעכטע בשורות: אונטערגאַנג אין דער „אויפ-לעבונג", אונטערטעניקייט אין דער רע-וואָלוציע, פאַרלייקענונג אין פרייהייט. אין די פינסטערע געסלעך פון דער

ײדישער װילנע, אין דעם הונגער שמוץ
און געפילדער פון א גראַשן-עקזיסטענץ -
האָבן מיר געאָטעמט די לופט פון אונטער-
גאנג. מיר זײנען אויסגעגאנגען אין
דלות, אין שטאלן, אין אימיגראנטן-
לאגערן, אין קראנקהײט און יסורים.
עס האָט געברענט אין אונדז דאָס פײער
פון כפירה און יאוש. מיר האָבן זיך
אלײן פאראורטײלט שטעקן צו בלײבן אָן
אָן אויסװעג, אָן א װעג - און מיר האָבן
זיך באטראכט אלס די לעצטע.”

אן אמת'ע סכנה פון גײסטיקער פארניכ-
טונג האָט געלויערט אויף די ײדן אין דעם שאל
פון דער רעװאָלוציע פון 1905 - אָפּפרעמדונג
פון פאָלק, פארנאכלעסיקונג פון דער העברײ-
אישער שפראך און קולטור... צו א פוסטן אינדזל
איז ענלעך געװען דאָס ײדישע פאָלק, פון װעמען
די יוגנט איז אװעק. און װאו איז דער אויס-
װעג? דער דורכפאל פון דער רעװאָלוציע האָט
געמײנט פאָגראָמען; איר דערפאָלג - אסימילאציע.
בלויז נאָך לאנגע און פײנלעכע זוכענישן האָט
בערל געפונען דעם װעג קײן ארץ ישראל. אין
זײנע זכרנות דערצײלט בערל װי אזוי ער האָט
פון דער דאָזיקער פארװירונג געפונען זײן װעג
קײן ארץ ישראל:

„אין יענער צײט (1905) האָט זיך אָנגע-
הויבן דאָס אװעקגײן פון דער העברײאישער
ליטעראטור. מען האָט זיך אינגאנצן מיאש
געװען פון העברײאיש; העברײאישע ביכער
האָבן אויפגעהערט צו דערשײנען. איך בין
געזעסן דאן אין א קרײז פון לערער און
שריפטשטעלער אין װילנע, װען עס איז אָנ-
געקומען פון לאָנדאָן ברענער'ס העפט:
„המעורר”. אין דעם דאָזיקן קרײז זײנען
געזעסן מענטשן װאָס זײנען ברענער'ן געװען
זײער נאָענט, אָבער אויך זײ האָבן חוזק
געמאכט און געזאָגט: „זעט נאָר װאָס דער
מענטש טוט, אזא װיכטיקער מענטש װי ברענער
אויף װאָס ער פארשװענדט זיך...”

„און איך געדענק ווי אזוי די פראָבלעם העברעיִש האָט פאר מיר אויפגעהערט אין דעם מאָמענט וואָס איך האָב געזען מיט וואָס פאר א לייכטקייט א גרופּע מענטשן וואָס זיינען אליין אויסגעוואקסן אויף דער העברעיִשער ליטעראטור זאָגן זיך אָפּ פון דעם דאָזיקן עניין. איך האָב פארלאָזט די דאָזיקע געזעלשאפט און דעם דאָזיקן קרייז און האָב צו זיך געזאָגט: „פאר מיר איז דער דאָזיקער עניין געענדיקט" - געענדיקט פון שטאנדפּונקט פון ניט שלום-מאכן מיט מוותר זיין אויף העברעיִש ... אין יענעם טאָג איז געפאסט געוואָרן מיין לעצטער באשלוס - סיי וועגן העברעיִש און סיי וועגן ארץ-ישראל. איך זאָג עס נאָכאמאָל: ניט אויס ציוניסטישן גלויבן, נאָר אויס באליידיקונג, אויס עקשנות, אויס ווידערווילן צו זיין א שותף פון דעם דאָזיקן דור וואָס האָט אפילו ניט דעם כח צו שטארבן בכבוד."

און בערל האָט געלערנט א פאך און האָט אָפּגעשפּאָרט געגוג געלט אויף ריזע-הוצאות און אין יאָר 1909 איז ער עולה געווען קיין ארץ-ישראל. און ארץ ישראל האָט ניט אויפגענומען בערלען בסבר פנים יפות. אין האפן פון יפו האָט ער געטראָפן יידן וואָס קלייבן זיך פארלאָזן דאָס לאנד און האָבן נאָר גערעדט שלעכטס וועגן לאנד ... אין יפו, א רוסישקער און שמוציקער האָטעל און ביי אלעמען אויף די ליפּן די פראגע: „צו וואָס ביסטו געקומען?" „איך האָב נישט געוואוסט ווי אזוי צו ענטפערן אויף דער פראגע פארוואָס איך בין געקומען קיין ארץ ישראל..." שרייבט בערל אין זיינע זכרונות.

„דעם זעלבן טאָג האָב איך אביסל שפּאצירט איבער דער שטאָט אויפן ברעג ים. אייגנטלעך איז שוין פאר מיר אין דער רגע וואָס איך בין ארויף אויפן ברעג ים געווען קלאָר, אז דאָס איז מיין לעצטער ברעג. אלץ וואָס איז פריער געשען איז פאר מיר געווען

פארענדיקט. איך זאָג דאָס ניט דערפאַר, וואָס איך וויל לאחר המעשה דערציילן וועגן גרויסע זאַכן. אָבער איך ווייס, אז פאַר מיר האָט זיך דער ענין ארץ ישראל געענדיקט אין דעם ערשטן טאָג וואָס איך בין דאָ אָנגעקומען. איך האָב געוואוסט אז קיין אַנדערן ברעג וועל איך ניט האָבן".

אויסער יפו איז אָבער געווען אין אנדערע ארץ ישראל - פתח-תקוה, עין-גנים, ארבעטער אין פרדסים און באַגעגנישן מיט יוסף חיים ברענער און אהרון דוד גאָרדאָן. מיט 8 חדשים שפּעטער שרייבט בערל אזוי צו זיינע ברידער אין רוסלאַנד:

„דער בעסטער גרוס וואָס איך קען אייך ברענגען פון דאַנען איז - אז איך וויל אייך ביידן דאָ זען. איך וויל אייך נישט צוזאָגן קיין הרים וגבעות (ד.ה. אמתע הרים וגבעות, אזוינע ווי ארץ ישראל פאַרמאָגט קען איך אייך יאָ גראָד צוזאָגן) קיין איינגעאָרדנטע געזעלשאַפט און אז אַלץ וועט געשען פונקט ווי איר ווילט. פאַראַן גענוג שלעק און פּורעניות'ן וואָס גייען נאָך און ווילן אזוי גיך ניט אָפּטרעטן. גאַנץ אָפט קען פּלאַצן דאָס האַרץ צוזעענדיק וואָס עס קומט פאָר פאַר די אויגן. נאָר דער עיקר: אויב איר ווילט אליין לעבן פון אַרבעט, פון נאָענטקייט צו דער נאַטור, אין אָרט מיט האָפענונג אויף ווערן א היים, זען אַרום זיך באַטש א קאַפּעלע פריילעכע און פרייע אַרבעטס-מענטשן, קומט אַהער!... אויב עס זיינען פאַראַן מענטשן וועלכע מעסטן די הנאה און די יסורים פון לעבן מיט א מאָס פון אַן עקסטוירן אָדער א קליטניק, און דערפאַר אַנטלויפן זיי אזוי ווי מייז, באַלד ווי זיי קומען - בין איך נישט שולדיק. אמת טאַקע, קיין געלט קלייבן אין ארץ ישראל פון ערד-אַרבעט קען מען ניט, אָבער דערפאַר וויפל נחת און באַפרידיקונג גיט דער נייער אָרט לעבן - אזוינע וועלכע ווערן נישט געציילט און ניט געמאָסטן.

דער מין לעבן און ארבעט אליין, אָן קיינע שום רעיונות אפילו וועגן א תכלית - איז ווי א טוי וואָס פאלט אויף אונדזערע ביינער און פרישט זיי אָפּ און צעגיסט זיך אין זיי."

און פון יהודה איז בערל אוועק אין גליל, אין סעדזשערא און כנרת. דאָרט ארבעט ער אין גרינציג-גערטנער און הויבט אָן אָרגאניזירן די ארבעטער פאר קעגנזייטיקער הילף און לאנדווירט-שאפטלעכער קאָלאָניזאציע. בערל געהערט צו די גרינדער פון די לאנדווירטשאפטלעכע אָרגאניזאציעס אין גליל און אין יהודה, אין וועלכע עס זיינען געווען פאראייניקט אלע ארבעטער, אין קעגנזאץ צו די דעמאָלט עקזיסטירנדע פארטייען "הפועל הצעיר" און "פועלי ציון", וואָס האָבן געהאַלטן צעריסן די אַרבעטערשאפט צוליב אידייאישע פאָרמולעס. בערל האָט גע'טענה'ט אז די צעריסנקייט איז אן אימפּאָרט פון גלות און אז די ווירקלעכקייט פון לאנד און די אויפגאבן פאראייניקן.

געווען איז דאָס א תקופה פון באקענען זיך מיטן לאנד, מיט ארבעטער חברים, מיט א.ד. גאָרדאָן און י.ח. ברענער, א תקופה פון חלומות וועגן דעם אויפקום פון א יידישער ארבעטער געזעלשאפט אין לאנד. מיט יאָרן שפעטער האָט בערל קאצענעלסאָן אזוי באשריבן די דאָזיקע תקופה: "געציילטע רינגען זיינען געווען אין דער קייט פון יום-טוב'דיקע טעג וואָס דאָס לעבן האָט מיר געגעבן אין אונדזער לאנד, רינגען פון יענער וואונדער-בארער קייט, וואָס ווייל מיר לעבן אין איר דערקענען מיר זי ניט און פילן זי ניט; די קייט וועלכע איז די אייביק וואונדערלעכע מיסטעריע וואָס הייסט ארץ ישראל."

ביים סוף פון דער צווייטער עליה-תקופה איז בערל געווען טעטיק אין דער זעלבסטשטענדיקער קאָלאָניזאציע באוועגונג פון די ארבעטער. בשעת דער ערשטער וועלט-מלחמה איז ער געצוואונגען געווען צו ארבעטן אין דער טערקישער ארמיי און נאָכהער איז ער געזעסן אין ירושלים און האָט זיך פארנומען מיט גערטנעריי. צום סוף פון דער מלחמה האָט ער זיך מאָביליזירט אין יידיש

לעגיאָן און האָט זיך דאָרט פאַרבונדן מיט א גרופּע מענטשן, וואָס האָט געשאַפן די „אחדות העבודה". ס׳י דער נאָמען ס׳י די פּראָגראַם פון „אחדות העבודה" זײַנען פאַרפאַסט געוואָרן פון בערלען און ער האָט געהערט צו אירע הויפּט־טוער און איז געווען דער רעדאַקטאָר פון איר אָרגאַן „הקונטרס".

ווי שוין געזאָגט, איז בערל קאַצענעלסאָן נישט געקומען קײַן ארץ ישראל אויס ציוניסטישער אמונה, נאָר אויס אנטוישונג אין גלות און אין דער צוקונפט פון יידישן פאָלק אין גלות. זײַן גלויבן אין ציוניזם איז דעריבער דאַן נים געווען קײַן איבעריק שטאַרקער, אָבער נאָך א צײַט אין לאַנד געפינען מיר אים שוין אין שפּיץ פון דער געזעלשאַפטלעכער מערכה פון דער אַרבעטערשאַפט פאַר א ברייטער קאָלאָניזאַציע, פאַר א גרויסער עליה און פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון פּאָליטישע שטרעבונגען. וואָס האָט גורם געווען דערצו בערל זאָל קריגן גלויבן אין זײַן הארץ? און דער ענטפער איז: די חלוצישע פּערזענלעכקײַט פון דער צווייטער עליה, דער ציבור פון פאַרווירקלעכער פון דער דריטער עליה - נאָר זיי האָבן אים איבערצייגט אז ציוניזם איז נים בלויז ריד. „די צווייטע עליה האָט באַוויזן, אז עס זײַנען נאָך דאָ גלויביקע יחידים, אז דער יידישער יחיד איז גרייט זיך מקריב צו זײַן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. געווען איז דאָס אַן ענין פון יחידים, פון ווייניקע, אָבער אז דער ענין קען זיך פאַרשפּרייטן צווישן די מאַסן און ווערט נישט באַטראַכט מער פאַר א העלדישקײַט מצד האַלאַוועשקעס אַרויסגעראַטעוועטע פון פײַער - דאָס האָט באַוויזן די דריטע עליה."

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה נעמט זיך בערל קאַצענעלסאָן אונטער צו פאַראייניקן די ארץ ישראל אַרבעטער פאַר די אויפגאַבן פון די קומענדיקע טעג. זײַן באַגײַסטערונג פאַר דער דאָזיקער אַרבעט קען מען זען אין די פאָלגענדע שורות:

„אין לעבן, אין אמת'ן לעבן, אין זיין
וויטאג, זיין שאפונג, זיין ליידן, זיין טרייסט -
זיינען מיר איין גאנצעס: די יידישע ארבעטער
אין לאנד ... די לופט פון לאנד, די
אטמאספערע פון דער ארבעט האט אונדז
ארומגערינגלט און געבראכט צום היינטיקן
מעמד; די ארבעט האט אונדז פארהארטעוועט,
די לעבנס־יסורים האבן אונדז געשמידט,
דער ווילן צו ווידער־אויפלעבונג האט אונז
פאר'שיכור'ט, די העברייאישע שפראך האט
זיך פאר אונדז אנטפלעקט און האט אונדז
דעראבערט. מיר זיינען צוזאמען געשטאנען
אויף דער וואך, צוזאמען האבן מיר געליטן
ארבעטס־וואגלעניש, צוזאמען האבן מיר
געוואנדערט פון קאלאניע צו קאלאניע, צו־
זאמען זיינען מיר געלעגן אין קראנקען
הייזער, צוזאמען זיינען מיר געלייטערט
געווארן אין אלע שמעלץ־טעפ, צוזאמען
האבן מיר זיך פרייוויליק מאביליזירט
און ניט פארלארן אונדזער פאזיציע.

מיר בויען צוזאמען דאס קבוצה־לעבן
אין לאנד. דעם מארך פון די ביינער,
די יוגנט־זאפטן גיסן מיר אריין אין די
דאזיקע ציגל, פון וועלכע עס וועט אפשר
אויפגעבויט ווערן די צוקונפטיקע ארבעטס־
געביידע. צוזאמען פאלן מיר, שטייען
אויף און קלעטערן ווייטער אין דער דאזיקער
ארבעט, וועלכע איז אויף אונדז נישט
ארויפגעצוואונגען געווארן פון דרויסן,
לויט אימיצנ'ס באפעל אדער טעאריע, נאר
וויל אונדזער אינערלעכער מהות מאנט ביי
אונדז און באפעלט אונדז; דעם גאנצן כח
פון סאציאלער שאפונג, וועלכער איז אין
אונדז פארבארגן, טראגן מיר אריין אין
דער דאזיקער ארבעט. מיר דריקן אויס
דערמיט אונדזער אמת גרינטלעכע, ארגאנישע
נאענטקייט צו דער ארבעטער באוועגונג אין
גאר דער וועלט, ניט מיט אויסערלעכע דע־
קלאראציעס, נאר מיט מעשים, מיט דער
פראצע פון אונדזערע הענט.“

ארום די פאָלגענדע דריי פּרינציפּן - דעם ציוניסטישן סאָציאַליזם, חלוציזם און דער העברעיאישער קולטור - האָט זיך בערל קאַצענעלסאָן באַמיט צו פאַראייניקן די ארץ ישראל אַרבעטער און פאַר די דריי פּרינציפּן האָט ער אַוועקגעגעבן זיין לעבן.

ער איז איינער פון די גרינדער פון דער הסתדרות און פון איר וויכטיקסטע וואָרט-זאָגער. ער געהערט צו די גרינדער פון די הסתדרות-אינסטיטוציעס: "ניר" און "בנק הפועלים". אין 1925 גרינדעט ער די טאָג-צייטונג "דבר" און איז איר רעדאַקטאָר. גלייכצייטיק איז ער ווייטער דער וועגווייזער פון דער הסתדרות, ער איז טעטיק אין דער באַוועגונג אין די גלות-לענדער און רעפּרעזענטירט די אַרבעטער באַוועגונג ביי ציוניסטישע קאָנגרעסן. אין 1935 גרינדעט ער די "צענטראַלע פאַר קולטור און יוגנט" פון דער הסתדרות און אין 1941 גרינדעט ער דעם פאַרלאַג "עם עובד", וועלכן ער האָט געווידמעט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

זינט דער גרינדונג פון דער "אחדות העבודה" ביז צו דעם טאָג פון זיין טויט טוט בערל קאַצענעלסאָן זיין מלאכה אין דער איינזאַמקייט פון זיין צימער און אין דער רעדאַקציע פון "דבר". אין זיינע וואַנדערונגען פון ישוב צו ישוב, ביי פאַרזאַמלונגען, קאָנפערענצן, אין די הכשרות פון "החלוץ" און ביי קאָנגרעסן - איבעראַל איז באַקאַנט און באַליבט, אָנגענומען און פאַרערט די געשטאַלט פון בערל'ען.

געווען זיינען דאָס טעג פון שטענדיקן געראַנגל, א געראַנגל פאַר דער אַרבעטער איינהייט, פאַר דער איינהייט פון דער קיבוצישער באַוועגונג, פון קאַמף קעגן רעוויזיאָניזם, קעגן דער רעגירונג פון "ווייסן-בוך", פון קאַמף פאַר א יידישער מדינה און "פאַר גייסטיקער זעלבסטשטענדיקייט. דערשלאָגן האָט אים אָבער די קאַטאַסטראָפע אין אייראָפּע און א פאַר'יתום'טער האָט ער געשריבן:

מיר זיינען ווי א בוים וועמען די האק האט צעשפאלטן אינמיטן און האט אפגעהאקט א העלפט פון זיינע ווארצלען. זאלן מיר נאר באוויינען די אויסגעהאקטע העלפט? וואס וועט זיין מיט דער פארבליבענער העלפט פון בוים? וועט דער בוים לעבן? וועלן זיינען וואונדן פארהיילט ווערן? וועט ער נאך געבן פרוכטן?"

און מיט דער קאטאסטראפע איז אויך גע־קומען די שפאלטונג פון דער ארבעטער באוועגונג אין לאנד, וועלכע בערל האט געזען אלס צענטראלן כח וואס טראגט אויף זיך די פאראנטווארטלעכקייט פאר דער באנייאונג פון יידישן פאלק. און אין דער שווערער שעה, צוקוקנדיק זיך ווי זיין לעבנס־ווערק ווערט צעבראכן, האט ער געזאגט:

"איך פרעג זיך אליין, וואס זיינען מיר: א פארביי־גייענדיקער עפיזאד אדער א פרשה אין דער געשיכטע פון אונדזער פאלק? איך בין געקומען אין לאנד ארץ נישט ווי א גלויביקער ציוניסט. איך בין געקומען פון א סביבה פון אנטוישונג און כפירה. איך בין געקומען כדי צו זען מיט מיינע אויגן, צי איז אונדז נאך פאר־בליבן א פונק פון האפענונג און פון דער מינוט וואס איך בין ארויף אויפן ברעג פון לאנד - האב איך געוואוסט, אז דאס איז מיין ברעג, קיין אנדערער איז נישטא. און אויך אין די שווערסטע מאמענטן האב איך געגלויבט אז מיר זיינען נישט קיין עפיזאד נאר א סטאדיע אין דעם אויפבוי פון א צוקונפט פאר אונדזער פאלק און אז אלץ וואס מיר טוען דא וועט אין סך־הכל זיין א גרויסער חשבון. ס'איז פאר מיר קלאר געווען, אז מיר האבן דעם באוואוסטזיין, אז טראץ דעם וואס מיר זיינען קליין אין צאל און ארעם, זיינען מיר נישט קיין צו־פעליקע געזעלשאפט, חברה, אדער פארפירטע אינגלעך, נאר זעלנער אין דער יידישער אויפלעבונגס ארמיי. דער דאזיקער באוואוסט־זיין האט געלעבט אין אונדזער אלעמענס

הערצער און ער האָט אונדז געגעבן דעם
כח צו דערגרייכן דאָס וואָס מיר האָבן דער-
גרייכט."

און אונטערצייענדיק אין יענע טעג דעם
לעבנס סך-הכל פון זיין דור, האָט בערל געזאָגט:

"אונדזער דור האָט נישט די נחמה פון
פערזענלעכן שכר. ער האָט נישט די נחמות
וואָס עס האָבן געהאַט פריערדיקע דורות. ער
האָט נאָר איין טרייסט, אז דאָס לעבן פון יחיד
איז פאַרבונדן מיטן לעבן פון פאָלק; אז
טראָץ אונדזער בראָך און אלע אונדזערע
דורכפאלן איז אונדז צוגעפאלן די גרויסע
זכיה צו זיין די גרונד-שטיין לייגער פארן
בנין פון א יידישן היימלאנד און זיך מיט
אלע אונדזערע כחות אריינצוואווארפן אין דער
אויפבוי-ארבעט ביז דער בנין וועט פארטיק
זיין."

בערל קאצענעלסאָן'ס געשטאלט איז איינגע-
קריצט אין דעם בנין, הויכט איבער אים און
רעדט צו די קומענדיקע דורות.

פון בערל'ס ווערטער

"דער סוד פון דער טיפקייט פון אונזער גאולה-
באוועגונג ליגט נישט אין "אירע פארמולירונגען,
נאר אין אירע טעטיקייטן."

- - - -

"ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז די כחות וואָס ליגן
פארבארגן אין אונז, זיינען גרעסער ווי דאָס אויג
באנעמט, און ווען עס קומט די שעה פון נסיון,
אנטוישן זיי נישט."

- - - -

שטריכן פון זײַן פּערזענלעכקײט

„ווען מיר ווילן איבערגעבן אין ווערטער דעם סוד פון כּישוף בײַ א מענטשן וואָס איז אונז טײַער, דערזעען מיר ערשט ווי ארעם עס זײַנען די מיטלען וואָס שטײען אין אונזער רשות." - זאָגט בערל קאצענעלסאָן אין זײַן עסײ „בחבלי אדם". אײנער פון די מיטלען דערצו, איז אפשר זיך צוצוהערן צו זײַנע רײד וועגן אנדערע. ווען א מענטש רעדט מיט אויפריכטיקײט און ערלעכקײט וועגן זײַן חבר, כּדי צו אנטפּלעקן זײַנע נשמה-ווארצלען, דאָס וויכטיקסטע און גרינטלעכע אין אים - אנטפּלעקט ער אומבאוואוסטזיניקערהײט, אויך א טײל פון זײַן אײגענער נשמה. וואָס ער געפינט אין זײַן חבר, וואָס ער זוכט צו אנטפּלעקן אין אים, וואָס איז פאר אים דער עיקר, דער אופן פון איבערגעבן די זאכן וואָס ער האָט אנטפּלעקט - אין דעם אלעמען דערקענט מען די נשמה-ווארצלען פון דעם וואָס רעדט.

א מענטש פון מעשים און א סך אויפטוען איז געווען בערל קאצענעלסאָן און עס זײַנען געווען זײַער א סך מענטשן, מיט וועמען זײַן ארבעט האָט אים צונויפגעבראַכט, צווישן זײ זײַער באַרימטע און ווײניקער באַקאַנטע. וועגן א טײל פון די מענטשן האָט בערל געשריבן אָפּשאצונגען בײַ זײער לעבן אדער אזכּרה-רײד, נאָך זײער טויט. און טראָץ דעם וואָס זײַן כּוונה איז געווען צו שרײַבן בלויז וועגן זײ, בלויז צו שילדערן זײער געשטאלט, האָט ער אָבער דרך-אגב'דיק אויך אנטפּלעקט דורך זײַנע רײד שטריכן פון זײַן אײגענער געשטאלט. די פאָלגנדע אויסצוגן פון זײַנע רשימות וועגן דרײַ פּערזענלעכקײטן פון ארץ-ישראל ישוב, זײַנען אפשר די באַראַקטעריסטישסטע:

חרפּה און כּבוד

„מיט 28 יאָר צוריק איז אלעקסאנדער ז"ל געקומען קײן ארץ-ישראל. ער

איז דאן אלט געווען 17 יאָר, און ווי דעמאָלט אזוי אויך איצט "האלט ער אָן זײן תמימות". ס'איז נישטאָ קײן שום גײסטיקע מחיצה צווישן אים און דער ארבעט אין לאנד צוליב וועלכער ער איז געקומען און וועלכער ער האָט געווידמעט זײן לעבן. ער איז געווען צווישן די ערשטע בויער פון דער ארבעטערשאפט, צווישן די ערשטע וואָס זײנען ביז צו די טיפסטע טיפעניש פון זײערע נשמות אויפגעטרײסלט געוואָרן פון דער חרפה פון ישוב, וועלכער איז דא אויפן באָדן פון לאנד געוואָרן דער קרבן פון פאר-שײדענע תקיפים און רויבער וואָס קומען פון מדבר. דאָס איז נים געווען א סענ-טימענטאלע אויפטרײסלונג וואָס גײט און פארשווינדט, נאָר א באפרוכפערנדע אויפ-טרײסלונג, וואָס באשטימט דעם גורל פון מענטשלעכן לעבן. פון דער דאָזיקער אויפטרײסלונג פון ווײניקע איז געשאפן געוואָרן יענע ערנסטע, טיפע און טראגישע פרשה, וואָס הײסט: "השומר". און יענע חושים, וועלכע זײנען אויפגעוועקט געוואָרן און זײנען געקומען צו זײער פראקטפולער אנטפלעקונג אין די בעסטע פון "השומר" זײנען נים אײנגעדרימלט געוואָרן אין זײדי'ס הארץ אויך מים 28 יאָר שפעטער. זי זײנען געוואָרן א טײל פון אים.

און אויך איצט, נאָך אזויפיל ביטערע דערפארונגען, איז ער נישט אוועק פון זײן וועג. קײן שום שטויב פון פיליס-טריזם האָט זיך אויף אים נים אָנגעקליבן. אויך איצט ווערט ער נים מיד פון פאָדערן, פון באלעסטיקן, פון וואָרענען וועגן די געפאַרן, פון באאומרוהיקן די וואָס גע-פינען זיך ארום אים און פון באדראָען זײן אײגענעם מצב. שמירה, וואך-האלטן, איז געבליבן דאָס וואָס איז געווען פאר אים אין די ערשטע טעג אין לאנד; ער זוכט נים קײן צוזאמענשטויסן, אָבער דאָס פארמעגן פון פאָלק און דער כבוד פון ידישן מענטש זײנען נישט הפקר."

ער איז ביז צו די טיפסטע טיפעניש ן
פון זײן נשמה אויפגעטרײסלט געװארן פון דער
חרפה פון ישוב" און „דער כבוד פון א ײדישן
מענטש איז נישט הפקר" - אזוי האָט בערל באַ-
נעמען דעם כאראקטער פון אלעקסאנדער ז"ד.
דאָס איז אויך געװען בערל'ס רעאקציע צו די
בלוטיקע „אומרוען" אין לאנד מיט 17 יאָר
שפעטער, װען ער האָט אויסגערופן „און מרדכי
האָט זיך נישט פארנויגט און נישט „געביקט".
די זארג פארן כבוד פון ײדישן מענטש, װאָס
בערל קאצענעלסאָן אנטפלעקט אלס גרונט-שטריך
פון אלעקסאנדער ז"ד, װאָס פארדינט ארויסגע-
הויבן צו װערן - איז, װי שוין געזאָגט, אויך
די גרונט-אײגנשאפט פון זײן אײגענער נשמה.

זײנע רײד װעגן אליעזר ש"ן אין זײן
עסײ „ללא החגלות" אנטפלעקן אן אנדערן
שטריך פון זײן פערזענלעכקײט:

<u>דער װײטאָג פון מענטש און דער װײטאָג פון פאָלק</u>

„ער האָט זיך מיר אנטפלעקט אין מײנע
יונגט-יאָרן, װען דאָס גאנצע הארץ איז
אָפן געװען פאַר דאָס גרויסע, װען די
פײן פון דעם פאָלקס-אומגליק איז נאָך
פאר אונז געװען פריש, אָט די פײן װאָס
האָט אונז געפאנגען אויף אײביק. איך
האָב אים פריער געקענט װי א קאָפּ-מענטש,
װי א מענטש פון אמת, װי א בעל-מדות.
איצט האָב איך אים געזען אין א נײ ליכט.
איך האָב געזען דעם גרויסן פײער, די
משיחישע יסורים, דעם „בוער ואיננו אוכל".
איך האָב געהאט דעם זכות צו האָבן א צו-
טריט צו דער אינערלעכער װעלט פון א
גרויסן מענטשן. איך האָב געזען זײן
געראנגל מיט גאָט און מיטן שטן און
מיט מענטשן - און מער פון אלעמען מיט
זיך אלײן. איך האָב געזען װי ער האָט
געפלאטערט מיט יסורים, װי ער האָט זיך
געראנגלט אין זײנע ד'אמות װי א לײב,

געווען אכזריות׳דיק צו זיך אליין, גע-
זוכט דעם אמת פאר יעדן פרייז, און זיין
געדאנק האט געשניטן ווי א שווערד. און
אין מיטן פון אט די אלע כפירה- און
פארצווייפלונג-יסורים פלעגט זיך פון אים
ארויסרייסן אן אינערלעכער פלאם פון
טיפער אמונה, פון ליבע צום לעבן,
פון גלויבן אין זייער ווערט, פון דבקות
מיטן זיין און גארן נאך דעם פארבאר-
גענעם יש. דער דאזיקער מענטש האט
געאנט די וועלט-נשמה. דאס זיין איז
פאר אים ניט געווען קיין דברים של מה
בכך. קלייניקייטן וואס ער האט באריר ט
זיינען פארוואנדלט געווארן אין געשעענישן.
זיין בליק האט אויפגעדעקט באהאלטענע
חמציתן. אין חיי שעה האט ער געפונען
חיי עולם.

אבער, כאטש ער איז אין גאנצן געווען
פארטאן מיט זיך, אין זיינע נשמה-
טיפענישן, אין זיין אייגנארטיק לעבן
איז ער געווען א „איד ש׳באידן". אזוי
ווי די נשמה פון די דורות וואלט אין
אים געלעבט. די פיין פון מענטשן האט
זיך אין אים באהעפט מיט דער פיין פון
זיין און מיט דעם כאב-האומה און אלץ
איז געווארן - איינס. זיין נשמה האט
קיין מאל ניט געשוועבט אויסער די גרע-
נעצן פון לעבן, זיינע ליידן, פלאנטערן
און קאמפן. זיין געדאנק, וואס האט זיך
געראנגלט מיט דעם „כבשנו-של-עולם",
האט קיין מאל פאר אים ניט פארשטעלט,
די וועלט פון דעם „עמק הבכא", מיט
זיין נויט און שקלאפעריי און שפלות.
ער האט קיין מאל ניט געזוכט קיין רו
אין שאטן פון די „העכערע ספערעס".

בערל׳ס עדות-זאָגן וועגן אליעזר שײַן איז אוודאי א ריכטיקע, אָבער עס קען זיך אונז לײַכט אויסדאכטן, אז די דאָזיקע רייד זײַנען געשריבן וועגן בערל׳ען גופא.

אן אנדערע גוטסקײַט און שײַנקײַט אין זײַן נשמה אנטפּלעקן מיר אין זײַן הקדמה וועגן אליעזר יפה אין דעם עסיי „בחבלי-אדם״:

געדענק און גיב איבער

„ווען עס ווערט פון אונדז אוועקגעריסן א נאָענטער מענטש, פּרובירן מיר שטילן דעם ווײטיק און מיט עפּעס אָנפילן דעם פּוסטן חלל. און מיר הויבן אָן צו פּלאַנעווען „טאַטן״, על פּי רוב פּיקטיווע „טאַטן״. מיר שטעלן דעם נפטר׳ס נאָמען - אויף א הויז, אויף א גאַס, אויף א ישוב. אין דעם מאָדערנעם זשאַרגאָן הייסט דאָס - „פאַראייביקן״. עס זײַנען פאַראַן פרײַנט און פאַרערער, וואָס זאָרגן זיך פאַרן כבוד פון דעם פאַרשטאָרבענעם און פאָדערן „פאַראייביקונג״, אזוי-ווי מיט דעם וואָלט מען אָפּגעטאָן א חסד של אמת מיטן אוועקגעגאַנגענעם. מיר געפעלן ניט די דאָזיקע אָפּשײַד-פאָרמען. אדרבא, איך באַטראַכט זיי פאַר א מין באַליידיקונג. איך שעם זיך וואָס א פאָלק מיט א טויזנט-יאָריקער געשיכטע, א פאָלק וואָס האָט געהאַט א משה רבנו און א ירמיהו און א רבי עקיבא, פאַרוואַנדלט גאַנץ ארץ-ישראל אין א דענקמאָל פאַר דעם סאַמע לעצטן דור. אזא מין סאָרט דענקמאָל פאַרטיפט ניט דאָס געדענקען, און עס איז אויך ניט עלול אָפּצוהיטן דעם זכרון פון דער אוועקגעגאַנגענער געשטאַלט.

די, וואָס גייען פון אונדז אוועק, וועלן

זיך שוין צו אונז ניט אומקערן, מיר װעלן גיין צו זיי. און דאָס װאָס מיר בשר ודם, זיינען באמת ביכולת צו טאָן איז עפּעס װאָס איז זייער פּשוט און װייניק: צו פאַרטיפן אין אונזערע הערצער דעם אָנדענק און עס איבערגעבן צו אונזערע מיטמענטשן אויף װיפל ס׳קאָן איבערגעגעבן װערן. און דאָס װיל איך טאָן, אין דער מאָס װאָס איך בין פעאיק. בעת מיר פּרובירן איבערגעבן דעם סוד פון דעם צויבער, װאָס עס האָט פאַרמאָגט א מענטש װאָס איז אונז טייער געװען, זעען מיר איין װי שװאַך עס זיינען די אויסדרוקס־מיטלען װאָס מיר האָבן אין אונזער רשות.״

אויך מיר קענען נאָר גיין אין זיין װעג: „פאַרטיפן אין אונזערע הערצער דעם אָנדענק און אים איבערגעבן צו אונזערע מיטמענטשן אויף װיפיל עס קאָן איבערגעבן װערן״. און אויב „די אויסדרוקס־מיטלען װאָס מיר האָבן אין אונזער רשות זיינען שװאַכע״, זיינען דאַרויף פאַראַן צװעלף בענדער פון בערל׳ס שריפטן פון װעלכע עס שטראַלט אַרויס זיין װאונדערלעכע געשטאַלט. לאָמיר זיך פאַרטיפן אין זיינע רייד און מיר װעלן געפינען אַן אויסדרוק און ענטפער אויף א סך פראַגן פון אונזערע טעג. לאָמיר זיך איינקוקן אין זיין געשטאַלט און זי װעט באַלייכטן אונזער אייגענעם װעג.

שמועסן איבער דער הסתדרות

[שלוס־שמועסן אין דעם סעמינאַר פון דער הסתדרות, רחובות, ניסן תש״א, 1941]

א. װעגן אייניקע דעפיניציעס

פרייַנט און שונאים צוגלייך באַשעפטיקן זיך א סך מיט דער הסתדרות און באַמיען זיך אויסצוגעפינען פאַר איר פאַרשיידענע דעפיניציעס: װער עס פּאַסט זי אויף פון קלאַסן־שטאַנדפּונקט, און װער פון פּראָפעסיאָנעלן, קאָלאָניזאַטאָרישן אדג״ל. איך װעל דאָ ניט צוגעבן קיין דעפיניציעס און פאָרמולעס. קען מען דען, בכלל, נעמען א לעבעדיקן אָרגאַניזם און צעגלידערן אים אויף אזא אופן: דאָ איז ער סאָציאַליסטיש און דאָ ציוניסטיש, דאָ פּראָלעטאַריש און דאָ ישוביסטיש, דאָ פּראָפעסיאָנאַליסטיש און דאָ קאָא־

פעראַטיוויסטיש. אין אַ לער־בוך פון געאָמעטריע אונטערשיידן מיר: אַ פּינטל, אַ ליניע, שטח. אָבער דער לערער וואָרנט און זאָגט: אַזוי איז עס אין דעם לער־בוך, אין לעבן אָבער זיינען ניטאָ — ניט קיין פּינטל, ניט קיין ליניע און ניט קיין שטח. אין דער רעאַלערווירקלעכקייט זיינען פאַראַן קערפּער־שטאַנדן, און די אַנטהאַלטן אומצעטיילטערהייט די פּינטלעך און די ליניעס און די שטחים. און ווען מיר פּרובירן דורכצופירן אַזאַ מין צעגלידערונג אין דער הסתדרות און אויסצוגעפינען ווו איז דער סאָציאַליסטישער טייל און ווו דער ציוניסטישער — איז עס ניט מער ווי אַ שטייער־אָפּצאָל פאַר אונזער אָנגענומענעם אַרט־דענקען און אַרט־ריידן. ווייל דער לעבעדיקער גוף לאָזט זיך ניט צעגלידערן. שוין צענדליקער יאָרן ווי יידישע יוגנטלייט, אין די גלות־לענדער און אין ארץ ישראל, ווערן — לויט דעם טראַפּאַרעט פון געדאַנקען־זשאַרגאָן, געפרעגט: וואָס ביסטו מער — ציוניסט צי סאָציאַליסט? גלייך ווי אויב מער ציוניזם מוז עס באַדייטן ווייניקער סאָציאַליזם, און פאַרקערט. די פראַגע זאָגט אויף זיך אַליין עדות, אַז זי זוכט ניט די לעבעדיקע אידעע און די לעבעדיקע טאַט, נאָר די פּינטלעך און ליניעס פון דעם לער־בוך. ס'איז גלייך ווי מען וואָלט איינעם געפרעגט: וואָס ביסטו מער — אַ יידישער מענטש צי אַ קולטור־מענטש? כאילו אויב מער מענטש באַדייט עס — ווייניקער ייד.

ב. מיט וואָס האָט זיך געעפנט די קאָנפערענץ אין חיפה?

אויף דער קאָנפערענץ אין חיפה, וואָס האָט געגרינדעט די הסתדרות, האָבן מיר ניט פיל גערעדט וועגן עיקר־זאַכן, — מיר זיינען געקומען צו דער קאָנפערענץ מיט פּאַרטיקע, כמעט אָפּגערעדטע, פאָרשלאָגן. דעם חבר ש. יבנאלי איז איבערגעגעבן געוואָרן די אויפגאַבע, אויפצוקלערן — ביים דערעפענען די קאָנפערענץ — די צילן פון דער הסתדרות, וואָס האָט גע־דאַרפט געשאַפן ווערן. און ער האָט גערעדט וועגן זאַכן, וואָס אויף אַ פּראָ־פעסיאָנעלער אַרבעטער־קאָנפערענץ האָבן זיי געקענט קלינגען גאָר אויס־טערליש, יוצא־דופן'דיק. ער האָט אייגנטלעך גערעדט וועגן איין זאַך: וועגן דער רעטונג פון דעם יידישן פאָלק. ער האָט געזאָגט אַזוי:

„שוין יאָרן־לאַנג ווי גרויסע טיילן פון אונזער פאָלק אין די גלות־לענדער הענגען צווישן לעבן און פאַרניכטונג... דאָס געבאָט פון דעם יידישן אַרבעטער און דאָס געבאָט פון דעם גאַנצן דור איז: ניט די פאַרזעצונג פון דער עקזיסטענץ, נאָר די רעטונג פון דעם פאָלק. דער אויפבוי פון ארץ ישראל און די רעטונג פון דעם גרעסטן טייל יידן פון גלות — דאָס איז די אויפגאַבע פון דעם איצטיקן דור, און אויב ער וועט עס ניט טאָן — וועט ער פאַרראַטן זיין שליחות. ווער זשע וועט

אדרף זיין פליצע נעמען די דאזיקע ארבעטז — דער יידישער ארבעטער אין ארץ ישראל!״

די „פיר טויזנט יידישע ארבעטער וואס לעבן פון ארבעט אין ארץ ישראל״ ועט דער רעפערענט אלס „א כוח וואס האט צו זיך ניט קיין גלייכן״ אין באצוג צו דער אויפלעבונג פון דעם פאלק. מיר האבן ניט קיין איבדיוידועלן אויסלייזער, ווי זיינער צייט משה רבנו, דארף אנטשטיין א קאלעקטיווער אויסלייזער. דער יידישער ארבעטער — ער איז באהופן און ער איז פארפליכטעט צו אנטפלעקן פארן פאלק די מעגלעכקייט אויסגעלייזט צו ווערן פון גלות. די באדערפעניש אויפצושטעלן די הסתדרות קען מען נאטירלעך דערקלערן מיט פארשיידענע גוטע ארגומענטן. און איך קען אייך ניט פארזיכערן, אז די קאנפערענץ האט פארשטאנען און אפגעשאצט, פאר־וואס די אויפשטעלונג פון דער הסתדרות ווערט ארגומענטירט דוקא אזוי און פארוואס דוקא אזוי ווערט דערעפנט די גרינדונגס־קאנפערענץ פון דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטערשאפט.

כדי צו באצייכענען ווי אזוי עס האבן זיך אין דער הסתדרות צונויפ־געגאסן די באהעפטונג מיטן פאלק און די זארג פאר זיין גורל און די איבערגעגעבנקייט צו זיין רעטונג מיט דער סאציאלער עמפפינדלעכקייט און מיטן אנשלוס אן דער וועלט־ארבעטערשאפט און מיטן פארויסזען די אב־קומענדיקע ענדערונגען אין דער געזעלשאפטלעכער ארדענונג — וועל איך אייך ציטירן אייניקע ווערטער, וועלכע זיינען געזאגט געווארן אויף דער קאנפערענץ פון „אחדות העבודה״ אין פתח תקוה (אדר תרע״ט, 1919), וואס איז פארגעקומען פאר דער גרינדונג פון דער הסתדרות:

„עס זיינען דא פעלקער וואס צוליב זייער ספעציעלער לאגע ווערט דער נאציאנאלער פאקטאר דער צענטער פון זייער לעבן. אבער עס זיינען דא עפאכעס אין דער געשיכטע, ווען דער סאציאלער אינהאלט ווערט דער לעבנס־צענטער פון דעם גאנצן פאלק. אזא פאלק איז אונזער פאלק; אזא עפאכע איז אונזער עפאכע״.

און נאך פריער, אין די ערשטע טעג פון דער בריטישער אקופאציע, ווען ווייצמאן און די איבעריקע מיטגלידער פון ועד הצירים זיינען געקומען קיין ארץ ישראל, האט זיי די ארגאניזאציע פון די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער („הסתדרות הפועלים החקלאים״) אויפגענומען מיט א קליינעם מעמאראנדום, אין וועלכן די ארבעטערשאפט האט — אפשר צום ערשטן מאל — געפרווט רעפרעזענטירן זיך פאר דער יידישער וועלט. דארט איז געזאגט געווארן:

„ניט אלס א געמיינשאפט, וואס נויטיקט זיך אין הילף, וואס קומט זיך משתדל צו זיין פאר זיך, פאר דער פארלייכטערונג פון איר לאגע, שטעלט

זיך פאַר די אַרבעטערשאַפט פאַר אייך — די רעפּרעזענטאַנטן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער אַרבעטער, וואָס געפינט זיך היינט צו טאָג אין לאַנד, האָט זיך דורך ווייטאָקן און שטרויכלונגען דורכגעלייגט אַ וועג, האָט פאַר זיך דערוואָרבן די מעגלעכקייטן פון מאַטעריעלער עקזיסטענץ, האָט פאַרנומען זיין פּאָזיציע אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד און ער קען און וועט נאָך קענען אויסטראָגן אפילו די שווערי קייטן פון זיין לאַגע. אָבער דער יידישער אַרבעטער באַטראַכט זיך ניט נאָר אַלס בוי־מאַטעריאַל נאָר אויך אַלס איינער פון די בויער, אַלס אָרגאַניזירטער טייל פון דער גאולה־באַוועגונג, אַלס אַ חלוצישע געמיינשאַפט וואָס האָט וואָלונטירט ניט אויף אַ יאָר און ניט אויף צוויי יאָר נאָר אויף זיין גאַנצן לעבן. און פון זיין באַזונדער שטאַנד אין לעבן, פון זיין רעאַלער ראָל אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם — פליסן אַרויס זיינע אָנשויאונגען אויף דער עקזיסטירנדיקער לאַגע אין ארץ ישראל, זיינע פאָדערונגען פון זיך אַליין און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג בנוגע דער צוקונפטיקער טעטיקייט, זיינע ווונשן און שטרעבונגען. די אַרבעט אַלס אַזעלכע איז פאַר אונז ניט קיין צופעליקער פּרט, נאָר אַ גרונטשטיין צו דער אויסלייזונג פון פאָלק. דער יידישער אַרבעטער באַטראַכט ניט די אויסלייזונג פון פאָלק און די באַפרייאונג פון דער אַרבעטערשאַפט אַלס צוויי פאַרשיידענע און קעגנגעזעצטע באַגריפן. זיי האָבן זיך ביי אים צונויפגעגאָסן אין איין זעלישער גאַנצקייט. די מטבע וואָס אויף איין זייט אירער איז אויסגעקריצט די גאולה פון דעם פאָלק, און אויף דער צווייטער — די פאַרשקלאַפונג פון דער אַרבעט, איז אין זיינע אויגן פּסול. ציוניזם, וואָס זאָל זיין געבויט אויף פאַרשקלאַפונג און עקספּלואַטאַציע, איז לויט אונזער מיינונג ניט נאָר אומגעוווּנשן און אוממאָראַליש, נאָר אויך אוממעגלעך. די אַלע, וואָס ווילן זייער גוף און נשמה אַריינלייגן אין דעם אויפבוי פון דער „נאַציאָנאַלער היים", ווילן ניט ווילן אַז די דאָזיקע היים זאָל זיין פאַר זיי און פאַר זייערע קינדער אַ שקלאַפן־היים. און דאָס פאָלק, וואָס שאַפט זיין צוקונפט מיט זיין שוויס, בלוט, מאַרך פון די ביינער — וועט מיט זיין אייגענעם גוטן ווילן ניט פאַרציכטן אויף זיין פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט. אויף צו פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם דאַרף מען האָבן ניט בלויז די הסכמה פון מאַכטהאָבער און אפילו געלט פון מאַגנאַטן — אויב ס'ווּעלן זיך געפינען אַזעלכע. דער ציוניזם רופט דאָס פאָלק צו פאַרווירקלעכן אים, און פון די פאָלקס־טיפעניש שעפּט ער גראַנדיעזע מענטשלעכע, חלוצישע כוחות און אַן אַ שיעור פאָלקס־איבערגעבנקייט און התעוררות. אָן דעם האָבן מיר דאָך בכלל קיין האָפענונג ניט. און די ווּעלן אין אונזערע צייטן ניט קומען אָן אַ דערהויבענער גאולה־וויזיע. די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין חוץ־לארץ דאַרפן

פילן בחוש, דארפן זען באשיינפערלעך, אז דער אינערלעכער, מענטשלעכער אינהאלט פון אונזערע נאציאָנאַלע אספּיראציעס אין דער נייער געזעלשאפט, וואָס מיר קלייבן זיך צו בויען אין ארץ ישראל, איז — א לעבן אין א גרויסן פארנעם, א שעפעריש לעבן פאר די ברייטע יידישע פאָלקס־מאסן״.

ווען איר וועט שטודירן די דאָקומענטן פון דער פאַרגעשיכטע פון דער הסתדרות וועט איר געפינען א סך זאכן, וואָס זיינען ניט צום געפינען אין אנדערע ארבעטער־באוועגונגען.

אין דעם ערשטן סטאטוס פון דער הסתדרות רעדט זיך ניט בלויז וועגן אויסבעסערן די ארבעטס־באדינגונגען פון דעם ארבעטער, נאָר אויך וועגן זאָרג פאר דער פ ר אָ ד ו ק ט י וו י ט ע ט פון דער ארבעט. ענלעכע פאראגראפן קען מען געפינען אויך אין פריערדיקע דאָקומענטן פון „אחדות העבודה״ און פון דער לאנדווירטשאפטלעכער אָרגאניזאציע. ס׳איז ביי אונז ליידער ניט קיין סך פארבליבן פון די קאָנפערענצן פון דער לאנדווירטשאפט־לעכער אָרגאניזאציע פון די ערשטע צען יאָר אירע, די פון פאר דער גרינדונג פון דער הסתדרות. אָבער אָט לייענען מיר אין איינעם פון די פארבליבענע דאָקומענטן אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער ס׳רעדט זיך וועגן ז אָ ר ג פ א ר ד ע ר פ ר י וו א ט ע ר וו י ר ט ש א פ ט, אויב זי באשעפטיקט יידישע אר־בעטער. און אָט איז פארבליבן א טייל רעזאָלוציעס פון דעם „פאראייניקטן ארבעטער־קאָמיטעט אין ארץ ישראל״ (ס׳איז געווען אזא פּרוּוו צוזאמענשליסןביידע לאנדווירטשאפטלעכע צענטראל־קאָמיטעטן — אין יהודה און אין גליל — און דעם „השומר״) ; זיינען דאָרטן דאָ רעזאָלוציעס וועגן לאנד־ווירטשאפטלעכער פארפּולקאָמונג און וועגן אן אויפפאָדערונג צו עולים, אַ ז זיי זאָלן אין חוץ־לארץ דורכמאכן א הכשרה־פּעריאָד, און וועגן ספּעציעלער טעטיקייט אויפן געביט פון קולטור און פון פאר־שפּרייטן די העברעאישע שפראך און איר ליטעראטור, — און דאָ לייענען מיר נאָך אזא רעזאָלוציע : „צוזאמען מיט דער כסדרדיקער פארטיידיקונג פון די פּרינציפּן פון יידישער ארבעט און פון ארבעטער־אינטערעסן — דארפן מיר זיין טעטיק אויפן געביט פון דערציאונג און זעלבסט־קריטיק און מיר דאַרפן זיך באמיען צו באזייטיקן די נעגאטיווע זייטן פון אונזער לעבן און ארבעט״.

נאָך אין אן אנדער רעזאָלוציע ווערט אין דעם זעלבן גייסט געזאָגט : „די ארבעטער־פּרעסע דארף ערלעך און אומצווייפנימדיק באלייכטן אלץ וואָס ס׳געשעט אין דעם ארבעטער־לעבן, ווי אויך קריטיקירן די ארבעטער אויף וויפיל זיי פארדינען קריטיק — ניט מורא האָבנדיק פאר בייזוויליקע קעגנער, וועלכע קענען אונזער זעלבסט־קריטיק פארוואנדלען אין א וואָפן קעגן אונז״.

איר מעגט זיך חוזק מאכן פון דער דאָזיקער נאַיוויטעט פון אייערע פאַרגענגער, וואָס שטייענדיק אין א שווערן קאַמף מיטן דרויסן האָבן זיי געהאַלטן, אַז אַן ארבעטער קען זיך ניט באַנוגענען מיט זיין קאַמף קעגן כלערליי „דרויסנס", נאָר ער מוז זיך קודם־כל פלייסן אויסצורייסן דאָס שלעכטס פון די אייגענע רייען. אויב איר וועט זיך גוט ארייַנטראַכטן וועט איר אפשר מסכים זיין, אַז דוקא א דאַנק דעם דאָזיקן צוגאַנג איז עס געלונגען דעם ערשטן דור פון דער הסתדרות צו פאַרהאַרטעווען זיינע אייגנשאַפטן. אַלנפאַלס מוזט איר מודה זיין, אַז די דאָזיקע אויפפאַסונג איז געווען אַן אָ ר י ג י נ ע ל ע, ניט קיין געבאָרגטע. אין אַנדערע ערטער פלעגט מען זיך דאָך דאָן אויסלאַכן פון דער דאָזיקער טענדענץ צו „זעלבסט־פאַרפולקאָמונג".

ג. דער כאַראַקטער פון א באַוועגונג

איך וויל אייך דאָ ניט באַשעפטיקן מיט דער ג ע ש י כ ט ע פון דער הסתדרות. איך וויל אָבער, אַז איר זאָלט זיך ארייַנטראַכטן אין דעם כ א ־ ר א ק ט ע ר פון אונזער באַוועגונג, אין אירע זייטן און אייגנשאַפטן, מיט וועלכע ז י צ ײ כ נ ט ז י ך א ו י ס. מען קען די הסתדרות ניט פאַרשטיין, סיידן מען זאָל זי באַטראַכטן אַלס א ס פ ע צ י פ י ש ן אָ ר ג א נ י ז ם אין דעם יידישן פאָלק און אין דער וועלט.

מטבעות, וואָס קומען ארויס פון איין פורעם, זיינען ענלעך איינע צו דער אַנדערער. אַנדערש איז עס מיטן לעבן פון מענטשן, לעבן פון פעלקער, לעבן פון באַוועגונגען. ס'איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין א סאָציאָלאָגישע דערשיינונג, סיידן מען זאָל זען דאָס וואָס עס מאַכט זי ע נ ל ע ך צו אַנדערע דערשיינונגען און דאָס וואָס עס א ו נ ט ע ר ש י י ד ט זי פון אַנדערע דער־שיינונגען. יעדע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג איז א טייל פון דער וועלט און געהערט צום שטח און צו דער צייט, — זי איז אָבער גלייכצייטיק שייך אויך צו זיך אַליין. און אודאי און אודאי, אַז די יידישע געשיכטע, וויפיל די וועלט־כוחות זאָלן אויך איר ניט ארויפלייגן זייער סטעמפל און זייער דרוק — הערט זי דאָך ניט אויף צו זיין א דורכויס אייגנאַרטיקע דערשיינונג.

כדי צו באַגרייפן דעם כאַראַקטער און דעם וועג פון א באַשטימטער ארבעטער־באַוועגונג איז ניט גענוג צו וויסן, ווען איז פאָרגעקומען די און די קאָנפערענץ און ווען איז אויסגעארבעט געוואָרן די און די פראָגראַם, — מען דאַרף דערצו נאָך אויך גוט קענען דעם טרעגער פון דער באַוועגונג, ווי אויך זיין אידעאָלאָגישע אָפּשטאַמונג און קולטורעלע אַנטוויקלונג. דער ארבעטער קומט פ ר י ע ר פון דער באַוועגונג. ו ו ע ר איז דער ארבעטער? ער קומט פון דאָרף צי פון שטאָט? ווער זיינען געווען זיינע עלטערן — פויערן פאַר־שקלאַפטע צי פרייע האַנטווערקער, גילדע־מיטגלידער? איז ער אויסגעוואַקסן

פון א קולטורעלן „מדבר“ אָדער ער האָט גערירשנט קולטור־ווערטן? — ווי אזוי, למשל, קען מען פארשטיין דעם אויפטו פון די ראָטשדעל־פּיאָנערן אין דער געברויכס־קאָאָפּעראַציע, אָדער לאסאלס אָרגאַניזאַציאָנעלן ווערק אָדער די ערשטע קעמערלעך פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, אויב מען זאָל ניט קענען די סאָציאַלע שיכטן, פון וועלכע ס'איז ארויסגעוואַקסן דער אינדוסטריעלער ארבעטער אין די מערב־לענדער? מען קען ניט באַגרייפן דעם באַזונדערן וועג און דעם שיקזאל פון דער רוסישער ארבעטער־באַוועגונג, ניט קענענדיק דעם היסטאָרישן באָדן, פון וועלכן זי איז אויפגעקומען, ניט קענענדיק דעם רוסישן ד אָ ר ף, פון וואַנען עס שטאַמט דער רוסישער ארבעטער.

די געשיכטע פון דעם יידישן ארבעטער אין ארץ ישראל אונטערשיידט זיך אין א סך היגזיכטן פון דער געשיכטע פון יעדן אנדער ארבעטער אין דער וועלט. דער יידישער ארבעטער איז געקומען ניט פון דאָרף ווי אויך ניט פון א האַנדווערקער־שיכט. דער דלות פון די יידישע מאסן איז אַן אנדער דלות און זיין גייסטיקע ירושה איז אויך אַן אנדערע. זיין אָפּשטאַמונג, די פאַקטאָרן פון זיין אנטוויקלונג, זיינע געירשנטע קולטור־ווערטן, דער גורל פון זיין פאָלק — דאָס אַלץ האָט אויסגעפורעמט זיין כאראקטער און זיין געשטאַלט. דער ג ל ו ת האָט פאַר אים געשטעלט פּראָבלעמען, וואָס קיין שום אנדער ארבעטער אין דער וועלט האָט אַזוינס אין זיין לעבן ניט געהערט. זיין סאָציאַלע לאַגע צוזאַמען מיט זיין כאראקטער און זיין גייסטיקער ירושה האָבן אים דיקטירט ענטפערס, וואָס קיין שום אנדער ארבעטער האָט ניט געדאַרפט ענטפערן.

מיר באַצייכענען די באַזונדערקייט פון אונזער שיקזאל און די ספּעציפישקייט פון אונזער וועג ניט צוליב באַרימערייַ, נאָר כדי אריינצוטראַכטן זיך אין דעם און צו פארשטיין. דאָס וואָס דער יידישער ארבעטער האָט געשאַפן אין ארץ ישראל האָט ער געשאַפן ניט לויט א פאַרויסגעזעצטן פּלאַן. און מען קען ניט זאָגן, אז ער האָט געזען זיינע פּערספּעקטיוון. באַוווּסטזיניק און אומבאַוווּסטזיניק — מער אומבאַוווּסטזיניק ווי באַוווּסטזיניק — האָט דער יידישער ארבעטער אין ארץ ישראל דורכגעבראָכן אומבאַקאַנטע וועגן. עס זיינען געווען וועגן בייע — סיי דערמיט וואָס ער האָט אויסגעגאָסן בייע פורעמס פאַר זיינע באַדערפעגישן און סיי דערמיט וואָס אין א סך זאַכן איז ער דערשינען פריער פון אנדערע, איידער די אנדערע — גרעסערע און שטאַרקערע פון אים — האָבן עס פארשטאַנען צו טאָן.

מיר געפינען אין דער הסתדרות א צונויפפאָרונג פון אויפגאַבן, וואָס אַזוינס זעען מיר ניט אין קיין שום אנדער ארבעטער־באַוועגונג. דער אָרגאַניזאַציאָנעלער קען־צייכן פון דער הסתדרות איז די פ ר אָ פ ע ס י ע; אר־

בעט אין אלע אירע פארמען, אלע „פראפעסיעס”. זי האט אריינגענומען אין קרייז פון איר זארג און טעטיקייט אלץ וואס האט צו טאן מיט די מאטעריעלע און פראפעסיאנעלע באדערפענישן און מיט די ארבעטס־באדינגונגען פון דעם ארבעטער. און דאך איז עס א גרויסער טעות צו באטראכטן די הסתדרות אלס „פראפעסיאנעלע”. ס'הייסט: לויט איר באשטאנד איז זי אן ארגאניזאציע א פראפעסיאנעלע, אבער קיינמאל איז זי אזא ניט געווען לויט איר גייסט און לויט דעם אומפאנג פון אירע אינטערעסן. אט וואס ס'איז וועגן דעם געזאגט געווארן אויף דער קאנפערענץ אין חיפה: „דער וואס רעדט וועגן בויען די הסתדרות אויף א פראפעסיאנעלן יסוד דערווייזט, אז ער קען ניט דעם יידישן ארבעטער און זיין גייסט. דער מהות פון דער פאררייניקונג הענגט אפ פונעם מהות פונעם ארבעטער. אויב איר וועט אויסלייזן די פאררייניקונג פון דעם וואס עס שטעלט מיט זיך פאר דער לעבנס־אינהאלט פונעם ארבעטער אין ארץ ישראל — טא וואס פאררייניקט איר ?”

דאס וואס אזוי האט זיך עס אנגעהייבן — אין דעם איז אפשר קיין שום באזונדער אויפטו ניטא. אויך אין דער גרויסער וועלט איז דאך די פראפעסיאנעלע ארגאניזירונג אנטשטאנען אלס גאולה־אנזאגערין. דער ערשטער אינטערנאציאנאל איז אויך געווען א פראפעסיאנעלער לויט זיין באשטאנד און מאקסימאליסטישער לויט זיין גייסט. דאס אבער וואס עס אונטערשיידט די הסתדרות איז דאס, וואס זי האט זיך געשטעלט אויף דעם דאזיקן וועג נאכדעם ווי די פראפעסיאנעלע באוועגונג אין דער וועלט האט זיך — מיט דער הסכמה פון די גרויסע פירער — אפגעזאגט פון אים. ווייל דער גייסט פון דער ארבעטער־באוועגונג איז שנעל צעברעקלט געווארן, און הגם די פראפעסיאנעלע ארגאניזאציע איז אייגנטלעך שטארקער געווארן, איז זי אבער איינגעשרומפט געווארן אין די גרעניצן פון דעם טאג־טעגלעכן פראפעסיאנאליזם, און איר גייסטיקע וועלט איז איינגעדארט און פארגליווערט געווארן — אפילו ווען זי האט זיך נאך געהאלטן ביי דער אלטער טערמינאלאגיע. די ארבעטער־באוועגונג אין ארץ ישראל האט נאך אין אירע ערשטע טעג איבערגעשפרייזט דעם גרעניץ פון פראפעסיאנאליזם, אבער אפילו שוין נאך דעם ווי זי איז שטארק געווארן און איז פארוואנדלט געווארן אין א מאסן־ארגאניזאציע, פול מיט מאטעריעלע ווערטן און פול מיט טאג־טעגלעכע אינטערעסן, האט זי ניט אויפגעהערט צו זיין אן ארגאניזאציע צו פארווירקלעכן די וויזיע — יענע וויזיע, מיט וועלכער ס'האט זיך געעפנט די חיפה'ער קאנפערענץ.

ס'האבן קיינמאל ניט געפעלט קיין מענטשן, קיין טענדענצן — אריינצוליגן די הסתדרות אין א סדום־בעטל פון פראפעסיאנאליזם. אומעטום געפינען זיך מענטשן וואס באהויפטן, אז זיי קענען זיך באנוגענען מיט

„פּראָפעסיאָנאַלע אינטערעסן" אליין, און אויך צו אונז פאַלן פון מאָל צו מאָל אריין מענטשן, וואָס זיינען פרעמד אָדער זיי מאַכן זיך פרעמד צו דער אייגנאַרטיקייט פון דעם יידישן אַרבעטער אין ארץ ישראל, מענטשן „ניכטער־רע", און זיי פאָדערן פון דער הסתדרות, אַז זי זאָל זיין בלויז אַ פּראָפעס־יאָנעלע. אין פאַרשיידענע צייטן און אין פאַרשיידענע פאָרמען האָט מען געמאַכט פון דעם פּראָפעסיאָנאַליזם אַ וואָפן קעגן דער הסתדרות, און פון מאָל צו מאָל זעט זיך די הסתדרות געצוווּנגען אַזעלכע אַנגריפן מיט כוח אָפּצושטויסן.

ד. צי מעג אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע באַשעפטיקן זיך מיט עליה?

ס'וועט אפשר קלינגען ווי אַ קוריאָז, אָבער אַ פאַקט איז, אַז מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט זיך אין דער הסתדרות געפירט אַ ויכוח, צי מעג אַ פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע באַשעפטיקן זיך מיט עליה. אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון די אַרבעטער פון יהודה (עין גנים, שבועות, 1911), וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט עטלעכע וואָכן נאָך דער ערשטער קאָנפערענץ פון די אַרבעטער פון גליל, האָט מען געוואָלט דעפינירן די טעטיקייט פון דעם נייעם אָרגאַן — אַ צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס זאָל געווילט ווערן דורך אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַר־בעטער פון יהודה — אויף אַ ריין „פּראָפעסיאָנעלן" אופן: „צו פאַרטיידיקן די עקאָנאָמישע און גייסטיקע אינטערעסן פון די אַרבעטער". ס'איז איצט ניט אַזוי לייכט אויסצומאָלן דעם דענסטמאָליקן אינהאַלט פון דער הסתדרות, וועלכע האָט אַרומגענומען ביי צוויי הונדערט אַרבעטער, מערסטנטייל אַר־בעטסלאָזע. פון אונזער גאַנצער דענסטמאָליקער „פּראַקטיק" געדיינק איך בלויז איין איינציקן פאַל פון „פאַרטיידיקונג": ביי אַן אַרבעטער, וואָס האָט געאַרבעט ביי אַ מאַטאַר, איז אָפּגעהאַקט געוואָרן אַ האַנט — האָבן מיר געפאָדערט אַנטשעדיקונג. דערנאָך האָבן מיר פאַרגעזעצט און געפאָדערט צו פאַרזיכערן די, וואָס אַרבעטן ביים מאַטאָר אין די פּרדסים. דער דאָזיקער פאַרפאַל האָט אונז באַשעפטיקט די גאַנצע צייט צווישן איין קאָנפערענץ און דער אַנדערער, און אפשר נאָך מער פון דעם. איז אָט אויף דער צווייטער קאָנפערענץ פון די אַרבעטער פון יהודה (פתח תקוה, חנוכה, 1912) אויסגעבראָכן אַ גרויסער ויכוח: צי דאַרף „די אומפּאַרטייאישע אָר־גאַניזאַציע פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אין יהודה" זאָרגן ניט נאָר פאַר דעם שוין פאַראַנענעם אַרבעטער, נאָר אויך פאַר זיין פאַרמערונג און פאַר דער עליה פון אַרבעטער, און בפרט — צי מעג זי אויפּפאָדערן די עליה.

אין גליל איז עס קיין פּראָבלעם ניט געווען, צי וויל אונזער פּראָ־

פעסיאַנעלע און אידעאָלאָגישע „בילדונג" איז געווען אַ קלענערע, צי צוליב דעם כאַראַקטער פון דעם אַרבעטער אין גליל, צי אפשר ווייל אין גליל איז דער אַרבעטער ניט געווען אַזוי „איבעריק" ווי אין יהודה און ער האָט ניט געפילט די ברענענדיקע באַליידיקונג פון אַרבעטסלאָזיקייט — אַ געפיל וואָס פלעגט מאַכן אַ תל פון דעם אַרבעטער אין יהודה. דער אַרבעטער אין גליל האָט געלעכצט נאָך אַ צופלוס פון אַרבעטער, און אַלס אויסוואַנדערונגס־לאַנד האָט ער באַטראַכט... יהודה, וועלכע איז אין זיינע אויגן געווען ניט גענוג ארץ־ישראלדיק. דער אַרבעטער־קאָמיטעט פון גליל האָט דעריבער אויף איינער פון זיינע ערשטע זיצונגען באַשלאָסן צו דעלעגירן דעם חבר צבי יהודה קיין רוסלאַנד, צו ווערבירן מענטשן פאַר עליה. אויף מיר איז דאַן אַרויפגעלייגט געוואָרן מיין ערשטע „ליטעראַרישע" אויפגאַבע אין ארץ ישראל: מיטגעבן אים אַן אויפרוף, וועלכער זאָל דערציילן די לעזער, וואָס עס דערוואַרט זיי אין ארץ ישראל און וואָס מיר דערוואַרטן פון זיי. די זיבן קאָמיטעט־מיטגלידער — פּאַרטייאישע („הפועל הצעיר" און „פועלי ציון") און אומפּאַרטייאישע — האָבן אפילו קיין ברעקל ספק ניט געהאַט, אַז דאָס איז דער ריכטיקער וועג.

האָב איך אָבער צוריק איבערגעוואַנדערט קיין יהודה און האָב דאָרטן געפונען אַ גאַנץ אַנדערע אַטמאָספער. וועגן דעם גאַנצן ענין פון דעם אויפרוף „עלו"* האָט מען גערעדט מיט שפּאָס און אפילו מיט כעס. מען האָט געחוזקט פון די נעבעכדיקע רעזולטאַטן פון דעם אויפרוף, און מען האָט זיך אויך געקלאָגט אויף דער אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די וואָס האָבן גערופן עולה צו זיין. מעג מען דען רופן מענטשן, זיי זאָלן קומען קיין ארץ־ישראל? מעג מען דען נעמען די אחריות פאַר דער נויט און פאַר די אַרבעטס־באַדינגונגען און אַרבעטסלאָזיקייט, וועלכע דערוואַרטן זיי אין לאַנד? און איז עס בכלל אַן עסק פאַר אַרבעטער — צו דערוועקן עליה? איז דען דאָ אין דער וועלט נאָך אַזאַ אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיך באַשעפטיקן מיט ברענגען איינוואַנדערער? אַרבעטער דאַרפן בלויז „פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן". אויב זיי וועלן קומען — וועלן מיר זיי פאַרטיידיקן.

מען האָט אויך שאַרף קריטיקירט די דאָזיקע גאַנצע „קינסטלעכע" עליה. וואַנדערונג האָט אַ טבע, אַז זי גייט פון זיך אַליין צו ערטער, וווּ מענטשן קענען האָבן פּרנסה, ערטער אַנטוויקלטע; אויב קיין ארץ ישראל וועט קומען דער קאַפּיטאַל און עס וועט געשאַפן ווערן פּלאַץ פאַר

* אַרויסגעגעבן דורך „הפועל הצעיר"; פריער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן וויטקינס אויפרוף.

ארבעטער — וועלן זיי מ מ י ל א קומען, און מען וועט זיי ניט דארפן אויף א קינסטלעכן אופן וועקן דערצו. אויך דער ענין פון די „קינסטלעכע" ארבעטער האט ניט ארויסגערופן קיין צוטרוי, אפילו ניט קיין סימפאטיע. ניט נאר אין די פויערן־קרייזן פלעגט מען פארקרימען מיט די ליפן אויף די „קינסטלעכע" ארבעטער, וואס וועלן קיינמאל קיין אמתע ארבעטער ניט זיין: מען דארף ס'זאלן קומען „נאטירלעכע" ארבעטער „אן חכמות", — מיט זיי וועט מען שוין דורכקומען. אין די ארבעטער־קרייזן אליין פלעגט מען אויך ריידן קעגן די „בעלי־ביתישע קינדער", וואס קומען ארבעטן פון דעם א י י ג ע נ ע ם ו ו י ל ן, פון „אידעאליזם". און סיי־ווי וועלן זיי זיך „אנטוישן" און וועלן אוועקפארן. דער „נאטירלעכער" ארבעטער, דער וואס „מ ו ז ארבעטן", ער וועט האלטן פלאץ, און פון אים וועט נאך אמאל ארויסוואקסן א יידישער ארבעטער־קלאס.

אויף יענער קאנפערענץ האט זיך, ווי דערמאנט, צעפלאקערט א גרויסער ויכוח, און ס'האט זיך ארויסגעשטעלט, אז די מערהייט איז קעגן די „אויפרופן"; איז מען דורכגעקומען אויף דעם, אז מען זאל זיך באשעפטיקן ניט מיט עליה, נאר מיט „אינפארמאציע": „די צווייטע קאנפערענץ פון די קאלאניע־ארבעטער אין יהודה אנערקענט די אינפארמאציע־דינסט אלס איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאבן פאר דער פארשטארקונג און פארמערונג פון דער יידישער ארבעטערשאפט". קיינער האט זיך ניט געקענט קעגנשטעלן צו אזא נוסח. אזוי איז ארייגעגנבעט געווארן די עליה, אבי ניט אנצורירן די „פראפעסיאנאליסטישע" אידעאלאגיע פון דער נאך שוואכער הסתדרות.

דער אלגעמיינער פאן איז דא אין א גרויסער מאס געווען — די אויסזיכטלאזע לאגע פון דעם ארבעטער אין יהודה און זיין אפגעשוואכטקייט פון נאך דעם „יאוש". די „זיגערישע" „אידעאלאגיע" אויף דעם דאזיקן פאן איז געווען: צו זיין ג ל י י ך מיט אלע אנדערע ארבעטער־ארגאניזאציעס, צו זיין „אן אמתע" ארבעטער־באוועגונג.

א סך גלגולים האט דורכגעמאכט דער „פראפעסיאנאליזם" אין דער געשיכטע פון דער הסתדרות. געוויסע קרייזן האבן זיך באמיט אפצוטיילן די פראפעסיאנעלע טעטיקייט פון דער הסתדרות — פון אלע אנדערע געביטן פון איר טעטיקייט. פון מאל צו מאל פלעגן געמאכט ווערן פרווון א ר ו י ס־צ ו ר י י ס ן די פראפעסיאנעלע ארבעטער־אינטערעסן פון דעם ארגאנישן געוועב פון זיין לעבן, אויסצולידיקן די הסתדרות פון איר לעבנספולן, חלוצישן כאראקטער. א דאנק וועלכן זי גייט אן מיט איר טעטיקייט אויפן געביט פון עליה און קאלאניזאציע אוןווירטשאפט־בוי און עולים־אויפנעם און חלוצים־דערציאונג און א דאנק וועלכן זי איז דאס וואס זי איז: אן ארגאניזאציע, וואס איז עקסקלוזיוו אין דעם לעבן פון פאלק און פון דער

ארבעטער־באוועגונג. מען קען זיך פאָרשטעלן, ווי אזוי עס וואָלט אויסגעזען דער פּראָפעסיאָנעלער כוח פון דער ארבעטערשאפט, ווען זי וואָלט געפאָלגט די דאָזיקע ראטגעבער אירע, ווען זי וואָלט איינגעגאנגען אויף דעם, אז איר פּראָפעסיאָנעלע עקזיסטענץ זאָל זיין נאקעט, אָן דער יניקה פון דעם באָדן פון דער חלוצישער שאפונג, פון דעם קאמף פון דער יידישער ארבעט פאר אירע רעכט, פון דער טיפער באהעפטונג מיטן לעבן און גורל און וויזיע פון דעם פאָלק. און דארף איך נאָך דען געבן צו פארשטיין, אז אלץ, וואָס ס׳איז דערגרייכט געוואָרן אויפן פּראָפעסיאָנעלן געביט — אָט די גאנצע ראדיקאלע ענדערונג אין דער לאגע פון דעם לוין־ארבעטער — איז געקומען ניט א דאנק די פריידיקער פון פּראָפעסיאָנאליזם, נאָר א דאנק די אנשטריינ־גונגען און קרבנות און מי פון די אלע, וואָס זיינען געווען גאנץ מיט זייער ציוניזם און גאנץ מיט זייער טרוים וועגן ארבעטס־קאָלאָניזאציע און וועגן אַן אינטעגראלער ארבעטער־אָרגאניזאציע?

צייטנווייז פאָכעט מען מיטן פאָן פון דעם „ריינעם" פּראָפעסיאָנאליזם אויך פון א גאנץ אנדער זייט. פון די קרייזן פון די רעוויזיאָניסטן און פון יענע ארבעטער־פאריינען, וואָס די הסתדרות איז ניט גענוג „נאציאָנאל" פאר זיי, הערן מיר אָפט, אַז אויך זיי וואָלטן צוגעשטאנען צו אַן אלגעמיינער ארבעטער־פאראייניקונג, ווען זי זאָל נאָר זיין באַזירט אויף א ריין־פּראָפעסיאָ־נעלן יסוד. אויס שנאה צום סאָציאליסטישן גייסט, מיט וועלכן די הסתדרות איז דורכגעדרונגען, זיינען זיי גרייט מוותר צו זיין אויפן ציוניסטישן אינ־האלט און אויפן ציוניסטישן כוח פון דער הסתדרות.

ה. פעדעראַליזם

יענער ויכוח האָט שוין לאנג אויפגעהערט צו מאטערן די הסתדרות. אפילו די, וואָס פלעגן אמאָל מרעיש עולמות זיין מיט דעם לאָזונג פון פּראָ־פעסיאָנאליזם, דערמאָנען אים איצט ניט. דער ציוניסטישער באָדן איז געוואָרן דערווייל געמיינזאם פאר אלע הסתדרות־מיטגלידער צוגלייך: קרן קיימת, קרן היסוד און דער שקל — האָבן זיך איינגעבירגערט ביי אלע שטרעמונגען אין דער הסתדרות. אויך די פראגע פון העברעאיש האָט אויפגעהערט צו דינען אלס טעמע פאר ויכוחים. ס׳איז אָבער פון דאָס ניי אויפגעשוואומען א ויכוח, וואָס מיר האָבן געמיינט, אז מיר זיינען שוין פון אים לאנג פטור געוואָרן: וואָס איז די הסתדרות — א קאָנפעדעראציע פון קערפערשאפטן, פון וועלכע יעדע איינע באשטימט, וואָס ס׳איז געוואונשן אז די הסתדרות זאָל זיך דערמיט באשעפטיקן און וואָס ס׳איז ניט געוואונשן, אָדער די הסתדרות איז אַן איינהייטלעכער אָרגאניזם, וואָס איז פאר־אנטוואָרטלעך פאר זיינע ענינים?

די הסתדרות איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן סמך פון דער פאַר־אויסזעצונג, אז די ארבעטערשאפט שטעלט מיט זיך פאַר איין געזעלשאפט־לעכן ארגאניזם און אז זי פירט אַן מיט אירע אינטערעסן ווי אַן אייניהייט־לעכע גאנצקייט. מיר האָבן ניט פארמאכט די אויגן אויף דער מעגלעכקייט פון מיינונגס־פארשיידענהייטן און אינטערעסן־קעגנזאצן אינערהאלב דער ארבעטערשאפט, אבער מיר האָבן געמיינט, אז אויפן וועג צום ווערן אַן ארבעטס־פאָלק, וואָס פירט אַן זעלבסטשטענדיק מיט זיינע ענינים, דארפן מיר זיין אַן ארגאניזירטע ארבעטס־געזעלשאפט, וואָס פירט אַן מיט זיך אליין. די ארבעטס־געזעלשאפט — חברת העובדים — האָט ניט צו איר דיספּאָזיציע קיין שום מכשירים פון מאכט וואָס איז באזירט אויף צוואנג; זי עקזיסטירט בלויז א דאנק דעם גוטן פרייען ווילן פון אירע חברים, און זיי — די חברים — גיבן עס איר די ברייטע פולמאכט איינצונעמען פאר זיי נאָך און נאָך לעבנס־געביטן און טעטיקייט־געביטן.

און די הסתדרות האָט טאקע אלץ מער און מער אויסגעברייטערט אירע טעטיקייט־געביטן. פון מאָל צו מאָל פלעגן זיך פירן ויכוחים צווישן די וואָס האָבן געשטרעבט אויסצוברייטערן און די וואָס האָבן געשטרעבט איינ־צושמעלערן אירע קאָמפּעטענצן. און מען מעג זאָגן, אז די אינערלעכע נויטווענדיקייט פון דער הסתדרות אויסצושפּרייטן אין אויסצוברייטערן איר קאָמפּעטענץ — זי איז עס געווען די, וואָס האָט אנטשיידעט אין די אלע ויכוחים. מיר געדיינקען נאָך דעם ויכוח וועגן „און אויך קולטור" אויפן גרינדונגס־צוזאמענפאָר פון דער הסתדרות; מיר געדיינקען דעם ויכוח צי מעג די הסתדרות ארויסגעבן אן אייגענע טאָג־צייטונג און צי מעג זי זיך אָנשליסן אַן דעם פּראָפעסיאָנעלן ארבעטער־אינטערנאציאָנאל און צי דארף זי פארפליכטן אירע חברים אויסצוקויפן דעם שקל. די אלע דאָזיקע און ענלעכע ויכוחים זיינען געווען ניט מער ווי שטאפלען אין דער פאַר־קערפערונג פון דער זעלבסטשטענדיקייט פון דער הסתד־רות, וואָס דער ערשטער פונקט פון איר סטאטוט זאָגט: „די דערליידיקונג פון אלע קאָלאָניזאטאָרישע, עקאָנאָמישע און קולטור־עלע אינטערעסן פון דעם ארבעטער־קלאס אין ארץ־ישראל — אויפן וועג פון דער אויפריכטונג פון א יידישער ארבעטס־געזעלשאפט".

איך האָב מורא צו זאָגן, נאָר עס שיינט, אז איצט מערקן זיך סימנים פון א פאַרקערטען פּראָצעס, פון א טענדענץ צו פארשמעלערן די קאָמפּעטענץ פון דער הסתדרות און אירע טעטיקייט־געביטן. אויף א בולטן אופן האָט זיך די דאָזיקע טענדענץ ארויסגעוויזן, ווען ס'איז אין דער מועצת ההסתדרות באהאנדלט געוואָרן די פראגע פון א ביכער־פארלאג.

די דיסקוסיע אין דער דאָזיקער פראגע האָט זיך געפירט ניט וועגן

דעם, וואָס עס דאַרף מיט זיך פאַרשטעלן א ביכער־פאַרלאַג פון דער הסתדרות, וואָס זאָל ער דערגענטערן און וואָס דערווייטערן. דער ויכוח איז געווען: צי מעג זיך די הסתדרות פאַרנעמען דערמיט? און חברים, וואָס זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין פראָפעסיאָנאַליסטן און מינימאַליסטן און וואָס מען קען זיי ניט חושד זיין אין קעגנערשאַפט צו דער העברעאישער שפראַך און צו דעם העברעאישן בוך אָדער אין מאַנגל פון גוטן ווילן לגבי דער דערציאונג פון דער אַרבעטערשאַפט, דוקא זיי האָבן געזאָגט: „ניין! מען דאַרף ניט!" און אין דער אַרגומענטאַציע האָט אפילו ניט געפעלט א באַשטימטע מאָס פון אָפנהערציקייט: הסתדרות, ניט דיין זאַך! לאָז עס איבער פאַר אַנדערע און גיי ניט אַרויס פון די ראַמען, וואָס מיר האָבן דיר געשטעלט!

ס'איז כדאי דורכצובלעטערן די פּראָטאָקאָלן פון דער הסתדרות און זען די אַנטוויקלונג פון די פאַרהאַנדלונגען וועגן דער ליטעראַרישער טעטיקייט פון דער הסתדרות — פון אָנהויב אָן:

אויף דער חיפה'ער קאָנפערענץ, ווען ס'איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין סטאַטוט דאָס באַרימטע „און אויך קולטורעלע", איז אויך באַטראַכט געוואָרן די פראַגע וועגן דער ליטעראַרישער טעטיקייט פון דער הסתדרות און מען האָט אפילו געפאָדערט א טאָג־צייטונג. די חברים וואָס זיינען געווען קעגן — די חברים פון „הפועל הצעיר" — האָבן זיך באַטראַכט אַלס די טרעגער פון דער אַרבעטער־ליטעראַטור (זיי האָבן טאַקע געהאַט גרויסע פאַרדינסטן אויפן דאָזיקן געביט), — האָבן זיי געצווייפלט צי מעג מען די דאָזיקע טעטיקייט אָנפאַרטרויען דער נייער אָרגאַניזאַציע. איז דאַן באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין קרייז פון דער טעטיקייט פון דער הסתדרות גייען אַריין: „פראָפעסיאָנעלע ליטעראַטור, פראָפעסיאָנעלע פּרעסע און א ביולעטין פון דער הסתדרות".

אויף דער צווייטער קאָנפערענץ (תרפ"ג) איז נאָך א וויכוח באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן א טאָג־צייטונג. ס'איז אויך אין א רעזאָלוציע גערעדט געוואָרן וועגן דער „דרינגענדער נויטווענדיקייט צו גרינדן א הסתדרותישן ביכער־פאַרלאַג פאַר אַלע אַרבעטס־געביטן און פאַר דער אויפקלערונג פון דער טעטיקייט פון דער הסתדרות און פון דער אַרבעטער־באַוועגונג". צווישן דער צווייטער און דריטער קאָנפערענץ איז געגרינדעט געוואָרן די צייטונג. ס'זיינען אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן צענדליקער איינצעלנע ביכער: דורכן ועד הפועל, דורך דער קולטור־קאָמיסיע, דורכן „דבר" און אַנדערע. אָבער א ביכער־פאַרלאַג, אַלס א שטענדיקע און סיסטעמאַטישע אינסטיטוציע, איז ניט געגרינדעט געוואָרן.

אויף דער דריטער קאָנפערענץ (תרפ"ז), וועלכע איז געווען זייער א

שווערע — זי איז אויסגעפאלן אין דער צייט פון דעם קריזיס אין „סולל־בונה", פון די פארשארפטע קעגנזאצן אינערהאלב דער הסתדרות, פון ציוניסטישער כפירה, וועלכע האט מיט איר שטראם אוועקגעשווענקט געוויסע קיבוצישע עלעמענטן, — איז קלאר און דייטלעך באשלאסן געווארן צו גרינדן א „ביכער פארלאג, אלס אינסטיטוציע פון דער הסתדרות". דער הסתדרות־ראט איז אויפגעפאדערט געווארן צו „פארשנעלערן זיין גרינדונג און סיסטעמאטישע טעטיקייט". דאס מאל איז אפילו קיין אפאזיציע צום פארשלאג ניט געווען.

מען קען אזוי ווייטער אויסרעכענען ראט־זיצונגען און אנדערע זיצונגען, אויף וועלכע עס איז ווידער און ווידער באשלאסן געווארן צוצוטרעטן צו דער ליטעראַרישער טעטיקייט, און דאך איז דער פארלאג ניט געגרינדעט געווארן.

און נאכדעם ווי די הסתדרות איז אומאויפהערלעך געוואקסן און ס'איז אלץ גרעסער געווארן איר אחריות פאר דער דערציאונג פון צענטליקער טויזנטער, נאך דעם ווי זי האט אויפגעשטעלט אייגענע שולן און זי דינט אלס הכשרה־און־דערציאונגס־פלאץ פאר טויזנטער יוגנטלעכע, נאך דעם ווי זי האט אויפגענומען צענטליקער טויזנטער ארבעטער מיט זייערע גייסטיקע באדערפענישן — נאך דעם אלעמען האט זיך דערהערט א בייזער: טוט ניט! — ס'איז פראקלאמירט געווארן, אז מיט ליטעראַרישער טעטיקייט דארפן זיך פארנעמען פארטייען און ניט די ארבעטערשאפט אלס א גאנצע. איז עס דען ניט א מערקווירדיקע „אנטוויקלונג" אין לעבן פון דער הסתדרות?

און די דאזיקע אנטוויקלונג — פון דער הסתדרות, וואס שטרעבט צו דערפילן דעם מאקסימום פון אירע מיטגלידערס באדערפענישן, ביז צו דער הסתדרות, וואס יעדע ארגאניזירטע אין איר מינדערהייט מעג קריטיקירן איר טעטיקייט און אפילו פארשמעלערן איר קאמפעטענץ — איז אויסגעפאלן אין א צייט ווען צענטליקער טויזנטער הסתדרות־חברים באטראכטן זיך ניט אלס רעפרעזענטירטע דורך די ארגאניזירטע פארטייען. לאמיר אננעמען אז זיי, די מינדערהייטן, באפרידיקן אליין זייערע גייסטיקע באדערפענישן, אבער פארוואס זאלן די אנדערע צענטליקער טויזנטער ניט טארן פאדערן פון דער הסתדרות, אז זי זאל זארגן פאר זייער בילדונג און דערציאונג און פאר דער באפרידיקונג פון אלע גייסטיקע באדערפענישן זייערע?

אן ארגאניזאציע, וואס איר גרונט־קעמעל איז דער מיטגליד, באשטימט איר טעטיקייט לויט די ווונטשן פון דער מערהייט. דאקעגן, אין א פעדעראטיווער ארגאניזאציע, וועמענס גרונט־קעמערל איז ניט

דער אינדיווידועלער חבר נאָר די „אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט", באַשטימט ניט די מערהייט. דאָ קען יעדע „אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט" — אַלץ איינס, צי זי איז אַ גרויסע צי אַ קליינע מינדערהייט — רייצן זיך מיט דער גאַנצער געזעלשאַפט און זאָגן: איך וויל ניט! איך מאַך שבת פאַר זיך.

איידער דער געבוי פון דער הסתדרות האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אויף דער חיפה'ער קאָנפערענץ זיינען אַ לאַנגע צייט פריער געפירט געוואָרן דיסקוסיעס אויף דער טעמע: אַ פּאַרטיי־פעדעראַציע אָדער אַן איינהייטלעכע אָרגאַניזאַציע? די חיפה'ער קאָנפערענץ איז דערמעגלעכט געוואָרן ערשט נאָך דעם ווי אַלע האָבן איינגעשטימט אָפּצוואַרפן דעם פאָרשלאַג וועגן פעדעראַטיוון בוי. און איצט — זיינען מיר עדים צו דער באַנייאונג פון דער טענדענץ פון אַ פעדעראַציע?

ו. די טאָג־טעגלעכקייט און די וויזיע

די הסתדרות איז ניט געבויט פון ציגל. זי איז אַ מענטשן־בנין. אַ געביידע פון ציגל קען מען איינמאָל אויפריכטן — און זי בלייבט שטיין. די הסתדרות אָבער מוז זיך פון מאָל צו מאָל באַנייען פון אינווייניק. היינע האָט אונטערשיידט צווישן משה רבנו און די פּיראַמידן־בויערס: משה האָט געבויט אַ לעבעדיקע מצבה — ער האָט געבויט אַ פאָלק. אין אונזערע צייטן ווייסן מיר ניט פון קיין יחיד, וואָס זאָל בויען אַ פאָלק. אָבער מיר ווייסן פון אַ געזעלשאַפט, וואָס בויט אַ פאָלק, און דאָס איז די מיסיע פון דער הסתדרות אין אַלע אירע אנטפלעקונגען אָרגאַניזאַציאָנעלע, פּראָפעסיאָנעלע, ווירטשאַפטלעכע, קאָלאָניזאַטאָרישע און גייסטיקע. ניט זעענדיק די דאָזיקע מיסיע אירע — קען מען ניט פאַרשטיין די הסתדרות, איר כוח און אירע דערגרייכונגען. אין דער פיינטלעכער פּרעסע קען מען אָפט טרעפן איינעם און דעם זעלבן פזמון וועגן דער הסתדרות: ב"רוך השם, די אַרבעטער זיינען שוין געשלאָגן אין גאָר דער וועלט. איין לאַנד נאָר איז געבליבן, ווו דער סאָציאַליזם האָט זיך פאַראַנקערט און ווו ער האַלט זיך ביי דער „מאַכט" און ביי „דיקטאַטור", — אין אונזער ארץ ישראל. און אויף דעם קלאָגט היינט יעדער „נאַציאָנאַלער" נביא.

אָבער איך בין מודה: טראָץ דעם גאַנצן עקל וואָס עס דערוועקן די דאָזיקע שאָדנפרייד אין באַצוג צו דער וועלט־אַרבעטערשאַפט און די לעכצעניש נאָכן גן־עדן, אין וועלכן די ציוויליזאַציע און די פרייהייט זיינען געראַטעוועט געוואָרן פון דער סאָציאַליסטישער געפאַר; טראָץ דער גאַנצער לעכערלעכער פּראָווינציאַלישקייט פון די זיפצעניש, איבער דער „מאַכט" פון דער אַרבעטערשאַפט אין ארץ ישראל — אין דעם לאַנד, ווו עס איז נאָך ניטאָ אפילו קיין אנשטענדיקע התחלה פון שיך־געזעצן פאַר אַרבעטער;

ווי יעדער נאציאָנאלער און סאָציאַלער „שטייער" ווערט געגעבן אלס „נדבה", וואָס אליאדע תקיף — וויל ער, צאָלט ער אים, וויל ער ניט, צאָלט ער ניט און ווי דער קאלאָניאַלער באאמטער איז שטענדיק גרייט צום דינסט פון אלע תקיפים פון אלע עדות, אַפּצוהיטן זיי אז דער ארבעטער זאָל זיי חלילה קיין שלעכטס ניט טאָן — טראַץ דעם אלעמען געפין איך א קערנדל פון אמת אין דער דאָזיקער קנאה לגבי דעם כיח פון דעם יידישן ארבעטער אין ארץ ישראל.

אין דער גאנצער וועלט זיינען מיר, ארבעטער, א געשלאָגענע ארמיי. אין ניט דוקא אין די לענדער, וועלכע זיינען באהערשט געוואָרן דורכן פאשיזם. דער קאמף קעגן פאשיזם געגן גראדע אויפהייבן דעם פרעסטיזש פון דער ארבעטערשאפט. אָבער ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן? ווען דער ארבעטער דערשיינט — איינגאנצן, און אומעטום — אלס פיאָנער פון דעם דאָזיקן קאמף, אלס א דינאמישער, מאָטאָר־שער וועלט־כוח. דער קאמף האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אין אנדערע באדינגונגען, ביז גאָר טרויעריקע, אזעלכע וואָס האלטן נאָך אין איין שפאלטן די ארבעטערשאפט אין דער וועלט, וואָס האלטן נאָך די ארבעטער־באוועגונג אין דער וועלט אין א מצב פון א געשלאָגענער ארמיי. וואָס וועט אונז ארויסקומען אויב מיר וועלן פארמאכן די אויגן אויף דאָס אלץ?

נו, איז טאקע וואָר, אז דער ארץ־ישראל'דיקער פליגל פון דער געשלאָגענער ארמיי האָט ניט געוואָלט זיין געשלאָגן. ער האָט ארויסגעוויזן אן אויסערגעוויינטלעכע שטאנדהאפטיקייט און אן אויסעראָרדענטלעכע שאפונגס־קראפט. און די שונאים פון דער הסתדרות האָבן פאר וואָס מקנא צו זיין זייערע פריינט, וואָס האָבן אזא דערפאָלג „דאָרטן", און צו וווּנדערן זיך אויף די סאָציאַליסטן — די וועלט־שלים־מזל'ים — וואָס זיינען ניט מסכים צו זיין לא יוצלח'ס — דאָ, אין ארץ ישראל.

דעם סוד פון די דאָזיקע גרויסע, אויסערגעוויינטלעכע דער־גרייכונגען — דארף מען זוכן אין דער וווּנדערבארער קאָמבינאציע פון איינשפאנען די טאָג־טעגלעכקייט אין דינסט פון דער וויזיע. צווישן ארבעטער־אָרגאניזאציעס איז די הסתדרות אַן איינציקע אין איר אַרט, אלס אָרגאניזאציע פון הגשמה. אין מיינע באמער־קונגען צום שמועס איבער סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען האָב איך גערעדט וועגן דעם אַפּגרונט, וואָס ליגט צווישן דעם „פּראָגראַם־מינימום" און דעם „פּראָגראַם־מאַקסימום" פון די פּארטייען. זיי האָבן געהאָט א פּראָגראַם אויף היינט און א פּראָגראַם אויף לעתיד לבוא, — וויזיע און רעאַל־פּאָליטיק. ביי אונז איז ניט אזוי געווען. און מען דארף עס ניט דערקלערן דוקא מיט אונזער יושר אָדער מיט אונזער חכמה. ביי אונז איז די וויזיע געווען פאר־

קערפערט און איינגעוויקלט אין דער סאמער טאָג־טעגלעכער טאָט. מיטן מאָמענט ווען דער יידישער בחור איז אראָפּ פון שיף און איז געגאנגען זוכן ארבעט אין פרדס, האָט ער זיך געפונען גלייכצייטיק אין א סביבה פון פארדאָרבנקייט און אין א וועלט פון וויזיע.

די דאָזיקע צונויפשמעלצונג פון דעם טאָג־טעגלעכן געראנגל און פון דעם שטרעבן צו דער וויזיע — א צונויפשמעלצונג וואָס ליגט אין יסוד פון דער חלוצישער עליה — איז כסדר געפלעגט געוואָרן דורכן אידעאישן כוח, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטער־באוועגונג. זי האָט אויך געפונען איר אָרגאניזאציאָנעלן און פּראַקטישן אויסדרוק אין דעם, וואָס מערערע פארשיידענע טעטיקייטס־צווייגן האָבן זיך דורכגעפלאָכטן אין דער הסתדרות. ניט די „צעגלידערונג פון די פונקציעס" און זייער צעשיידונג, נאָר די צופּאסונג פון אנטשפּרעכנדע אינסטרומענטן פאר יעדער „פונקציע" און זייער א ר יי נ פּ א ס ו נ ג אין דעם אָרגאניזם פון דער הסתדרות. א דאנק דער דאָזיקער אריינפּאסונג האָבן זיך די פארשיידענע צווייגן קעגנזייטיק געהאָלפן. דאָס האָט באפרוכפּערט דעם גייסט און דעם כוח פון דער ארבע־טערשאפט. ס'איז געגליכן צו די פארשיידענע צווייגן אין לאנדווירטשאפט. א געזאָלצענער און געפּעפּערטער צוויג־פירער באמיט זיך געוויינטלעך צו דערווייזן, אז זיין צווייג איז דער גאנצער בעל־מפרנס, ער פארלירט נאָר פון דער שותפות מיט די איבעריקע צווייגן. די ווירטשאפט אין אלגעמיין האָט אָבער אַן אנדער חשבון — דער חשבון פון קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט און קעגנזייטיקער עקזיסטענץ.

דאָס פארפלאנצן דעם ווערק אין דעם באָדן פון פ א ל ק, דער געפיל און דאָס באוווסטזיין, אז אלץ וואָס די ארבעטערשאפט בויט און פארריכט מיינט עס די אלגעמיינע נאציאָנאלע טובה — אָט פון דאנען האָבן זיך גענומען ביים ארבעטער זיין גייסטיקע קראפט און זיין געזעלשאפטלעכע דערהייבנקייט, און א דאנק דעם איז ער — טראָץ זיינע מאטעריעלע פלאָגן — געוואָרן דער „העכסטער קלאס", דער „הערשער" אין דעם פאָלק.

און ד ע ר ה יי ב נ ק יי ט — מיינט דאָ, קודם כל, העכסטער פליכט־באוווסטזיין.

- - - - - -

נישט קיין מוזעאום פארן פאָלק, נאָר א זיכערע היים פאר די פאָלקס־מאסן - א מקום־מקלט וואָס איז פריי פון רדיפות און גזירות, פון פארלוימ־דונגען און חרפות, און נישט פאר איין פריווי־לעגירטן שבט פון אלע צוזייטע און צושפּרייטע שבטים - נאָר א ק י ב ו ץ ג ל ו י ו ת.

- בערל קאצענעלסאָן

קאפּיטלען פון זײן לעבן

בערל קאצענעלסאָנ'ס לעבן איז אַרײנגע-
וועבט אין לעבן. אײנע פון זײנע וויכטיקסטע
פאָדערונגען איז געווען צו זען דאָס לעבן מיט
א ניכטערן אויג און צו זען די ווירקלעכקײט
ווי זי איז. אָבער די רעאקציע פון דעם וואָס
זעט די ווירקלעכקײט דרינגט ארויס ניט פון זײן
זעענדיקן אויג, נאָר פון זײן כאראקטער, פון די
אײנגעשאפטן פון זײן גײסט און נשמה. די דאָזיקע
„ווירקלעכקײט" וואָס קען בײ אײן מענטשן ארויס-
רופן פחד און א נײגונג צו אנטלויפן, איז
עלול ארויסצורופן בײ א צווײטן מענטשן א געפיל
פון ווידערשטאנד און העזה. די רעאקציע פון
א מענטשן צו פארשײדענע געשעענישן איז דעריבער
אן אנדײטונג פון זײן כאראקטער. און די זעלבע
רעאקציע פון א מענטשן וואָס ווערט איבערגע'חזר'ט
אין פארשײדענע פאלן און אין פארשײדענע צײט-
אפשניטן, ווײזט אָן אויף א גרינטלעכער אײגנשאפט
אין זײן כאראקטער.

אזא גרינטלעכע אײגנשאפט אנטפלעקט זיך
פאר אונז אין דעם כאראקטער פון בערל קאצענעלסאָן
אלס מענטש און מנהיג אין דעם אנטשלאָסענעם
„נײן" וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט בײ פארשײדענע
פאלן אין פארלויף פון צוױ צענדליק יאָר. פיר
מאָל „נײן" און אלע אין דעם זעלבן ענין. זעלבסט-
באוואוסטזײן, שארפזיניקײט, מוט און גרײטקײט צו
זעלבסט-אָפּפערונג - און דער עיקר א טיפער
ציוניסטישער באוואוסטזײן פון „נישטאָ קײן
ברירה" - זײנען אלע געקומען צום אויסדרוק
אין דעם „נײן" וואָס בערל האָט ארויסגעזאָגט מיט
אזא אנטשלאָסנקײט אין פארלויף פון צוואנציק יאָר.

דעם ערשטן „נײן" וואָס בערל האָט ארויסגע-
זאָגט אין חודש ניסן פון תר"פ (1920) אין פאר-
בינדונג מיט די אומרוען אין ירושלים, איז גע-
ווען געווענדעט כלפי חוץ. אונטער דעם דאָזיקן
„נײן" האָט זיך באהאלטן א גרויסער יאָ, א
פעסטער גלויבן וואָס האָט געפירט צו דעם צוגאנג
פון „אף-על-פי-כן (טראָץ אלעמען) - ארץ-ישראל"

די רעגירונג וואָס האָט נאָר וואָס געהאַט פּראָקלאַמירט די באַלפור־דעקלעראַציע און האָט דערוועקט משיחישע־האָפענונגען אין אַלע ייִדישע הערצער, האָט אויך געבראַכט צו די הרוגי־מלכות און דער פאַרהאַקונג פון די טויערן פון לאַנד.
און אָט איז בערל'ס רעאַקציע צו דער דאָזיקער ווירקלעכקייט:

איר וועט אונדז ניט בייקומען

„הרוגי מלכות - דער דאָזיקער אַלטער נאָמען, אײַנער פון די ווײַניקע איבערבלײַבענישן פון אונדזער לעצטער פרײַהייטס־מלחמה, איז אויפגעשטאַנען, דורך אַ פאַררעטערישער און אַכזריות'־דיקער האַנט, אַרײַנגעבראַכט געוואָרן אין אונדזער לעבנס־געשיכטע.

פון זיך אַליין איז דער נאָמען אויפגעקומען בעת דו ביזט געשטאַנען לעבן די זעקס געפאַלענע, וועלכע זײַנען שווײַגנדיק געלעגן אין זייערע ווײַסע תכריכים, אין אײַן רײַ, אויפן הויף פון „הדסה"־שפּיטאָל. און אַלץ אַרום האָט געשטאַרקט דעם דאָזיקן געפיל: מאַסן ירושלימער ייִדן, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט בײַם טויער פון שפּיטאָל־הויף און זײַנען דורך אינדישע סאָלדאַטן געצוואונגען געוואָרן זיך פאַנאַנדערצוגיין, דאָס מאַשין־געווער אויף דער גאַס, די אינדישע וואַך, און מער פון אַלעם - די לוויה. שטום איז געווען די לוויה, ווי די שטומקייט פון דעם גרויסן ווייטיק. דאָס איז געווען אַ לוויה פון הרוגי מלכות."

- - - - - - - - -

„די עגיפּטישע צייטונגען האָבן געבראַכט די פאָלגנדע ידיעה: צוליב די געשעענישן אין ירושלים* האָט די מיליטער־מאַכט באַשלאָסן ניט צו געבן קיין אַרײַנפאָר־דערלויבענישן פון עגיפּטן קיין ארץ ישראל, ניט דורכן ים און ניט דורך דער יבשה."

---

*אין פּסח, 1920, האָבן אַראַבער באַפאַלן די ייִדן אין ירושלים, בעיקר אין דער אַלט־שטאָט.

יענע וואָס קומען קיין ארץ ישראל פון
דער זייט פון דמשק (סיריע) פארהאלט
מען ניט. ווייזט אויס, יענע זיינען די
„געשעעענישן אין ירושלים" ניט מחייב.
פֿון דאָרטן דראָט ניט קיין סכנה דעם
שלום פון לאנד. די סכנה דראָט נאָר
מצד די וואָס קומען פון מערב.

יאָ, עס איז א סיסטעם אזא. און אין
אלץ געפינט דער סיסטעם זיין אויסדרוק.
די טויערן פון דער אלט-שטאָט אין
ירושלים זיינען ארומגערינגלט פון
מיליטער מיט אויפגעשטעלטע באגנעטן.
מען טאָר ניט ארייננגיין. דאָס מיליטער
היט ... די פאָגראָמטשיקעס. און אויפן
וועג פון קאָנטארע און אין פאָרט פון
יפו שטייט דער אָרדענונגס-היטער און
זיין שווערד איז אנטבלויזט -- אָפצו-
שטויסן דעם ייִדן וואָס קומט. ער היט...
„די געשעעענישן אין ירושלים".

וואָס ברענגט מיט זיך אָט די ציטונגס-
מעלדונג: דעם סיום פון א שיטה, אָדער
דעם אָנהויב פון אן אדריאנזם-גזירה?

צי זאָגט ניט אָן די דאָזיקע ידיעה,
אז מען שארפט אין איינער פון די
פּאָליטישע לאבאָראטאָריעס די שווערד
פון א נייער דעקלאראציע, וואָס זאָל
אונז בארויבן פון אונזערע האָפענונגען?

צי באדייט ניט די דאָזיקע ידיעה, אז
„די געשעעענישן אין ירושלים" זיינען
געקומען נאָר כדי צוצוגרייטן די בייז-
וויליקע אינטריגע?

זאָלן דעריבער וויסן אונזערע שונאים:
איר וועט אונז ניט אָפשרעקן!
ניט אייער חסד האָט אונז געגעבן דאָס
לאנד און ניט אייער בייזוויליקע אָפ-
נארעריי וועט עס אָפנעמען פון אונז.

איר װעט אונז ניט בײקומען!
מיט אונזערע קעפּ װעלן מיר אויפברעכן
די אײזערנע ריגלען.
די נײַע שטרויכלונגען, װעלכע איר האָט
אונטערגעלײגט אונטער אונזערע פיס,
װעלן אונז ניט מכשיל זײַן. די נײַע
געפאַר װעט אויפװעקן אין אונז פאַר-
באָרגענע כוחות, װעט אָנצינדן דעם
פלאַם פון הײליקן פאַנאַטיזם, װעט
אַרויסשעפּן פון די נשמה-טיפענישן
די פולסטע איבערגעבנקײט - און װעט
אונז פירן צו דער גרויסער טאַט.

װער אונזערע שונאים זאָלן ניט זײַן,
צי פּראַים פון רויב און געװאַלט, צי
נציבים פון הערשנדיקער „קולטור" -
איר װעט אונז ניט באַזיגן!

איר האָט פאַרטױשט די באַלפור-דעקלאַראַציע
אויף אַ דעקלאַראַציע פון בלוט און בלבול.

איר האָט זיך דערװאָרבן אַן אײביקן נאָמען
אין דער געשיכטע: דעם זכר פון עמלק;
דעם בײזן װילן פון אַדריאַנוסן.

איר האָט אויסגעקריצט אײערע נעמען מיטן
בלוט פון ירושלים. פאַר אונז זײַט איר
אַ שטויב, װאָס דער װינט יאָגט פונאַנדער,
אַ בײַטש, װאָס פאַרגײט.

איבער אונזערע קערפּערס, די קערפּערס
פון אונזערע געפאַלענע,
מיט דעם בלוט פון אונזער הארצן,
מיט דעם ליכט פון אונזער גלויבן,
מיט דער לעצטער האָפענונג,
װעלן מיר אַלע מױערן דורכברעכן,
מיר װעלן דורכברעכן יעדע װאַנט און
עולה זײַן!

מיט 17 יאָר שפּעטער זײַנען אויסגעבראָכן אומרוען איבערן גאַנצן לאַנד. ס'איז אונטער־געשריבן געוואָרן די גזירה פון „ווײַסן בוך", וואָס האָט געמיינט א באַגרענעצונג פון עליה, א פאַרבאָט אויף צו קויפן באָדן און אן ענגער און אָפּגעשלאָסענער געטאָ, וועמענס עקזיסטענץ הענגט אָפּ פון דעם חסד פון די אַרטיקע הערשער, די אַראַבער. אַנטוישטע שטימען אין דער ציוניסטישער מחנה האָבן גערעדט צו נעמען וואָס מען גיט, מוחל צו זײַן און זיך אונטערצוגעבן. וואָס זײַנען אונזערע כּחות צו באַקעמפן די ריזיגע ענגלישע אימפּעריע? - האָבן זיי גע־טענה'ט. אָבער בערל'ס רעאַקציע איז געווען אן אַנדערע: „ניין - האָט ער געזאָגט - מיר וועלן נישט מוחל זײַן". אויך דער „ניין" איז געווענדעט געווען כּלפּי חוץ:

מיר וועלן נישט מוחל זײַן

„עס זײַנען פאַראַן צווישן ציוניסטן יחידים וואָס זײַנען גרייט מוחל צו זײַן אויף א גרויסער עליה - מיר וועלן אָבער נישט מוחל זײַן. מיר קענען נישט מוחל זײַן אויפן חשבון פון אַנדערע, אויפן חשבון פון מיליאָנען ייִדן פאַר וועמען ארץ־ישראל דאַרף זײַן א מקום־מקלט און א היים. מיר זײַנען נישט מסכּים צו קיין שום נאָרמע און קוואָטע. די שעפערישע כּחות פון ייִדישן פאָלק שטייגן איבער אַלע נאָרמעס און קוואָטעס. די באַגרעניצונג פון דער עליה מיינט דאָס אײַנטרוקענען פון אונזערע שעפערישע כּחות. מיר ווילן נישט בלײַבן קיין מינדערהייט אין לאַנד. דאָס רייצט דעם אַפּעטיט פון אונזערע שכנים, ספּעציעל אין מזרח, וואו א „מינדערהייט" איז פאַראורטײלט צו דער „שווערד.

שווערע טעג קומען אויפן וועלט ייִדנטום. מיר קענען נישט איבערלאָזן אויף הפקר אונזערע ברידער אין פּוילן, רומעניע און

אין דײטשלאנד. מיר דארפן ארױסראטעװען װײניקסטנס הונדערט טױזנט מענטשן א יאָר. אויב מיר װעלן דאָס ניט באַװײזן - איז די ײדישע יוגנט עלול ארײנצופאלן אין די אָרעמס פון יאוש און פארװאנדלט צו װערן אין א צושטערערישן יסוד. די דאָזיקע רײד װערן נישט געזאָגט װי א דראָאונג כלפי חוץ, נאָר כלפי פנים. דער יאוש װעט ברענגען די יוגנט צו אנטױשונג און פאראט - פאראט קעגן אלץ װאָס מיר האָבן געשאפן און געפלעגט, קעגן אלץ װאָס איז אונז הײליק און טײער. שוין איצט זײנען מיר עדות צו דער דאָזיקער פאטאלאָגישער דערשײנונג, װאָס ײדישע יונגעלײט זײנען זיך גרײט צו פארבינדן מיטן מופתי און אנדערע שונאי-ציון מכל המינים. װארים ארץ-ישראל גיט נאָך נישט דער ײדישער יוגנט דאָס װאָס זי דארף געבן. א באגרעניצטע עליה טרעפט דעריבער אין דעם סאמע הארץ פון ציוניזם."

אויך אונטער דעם "נײן" באהאלט זיך א גרױסער "יאָ": דער גלױבן אין די "שעפערישע כחות פון "ײדישן פאָלק", די טיפע זאָרג פארן גורל פון פאָלק, די דאגה פאר דער ײדישער יוגנט זי זאָל נישט ארײנפאלן אין די "הענט פון יאוש" און די געטרײע װאך איבער דער נשמה פון ציוניזם. דאָס איז געװען אין תשרי פון יאָר תרצ"ז (1936).

עס זײנען אװעק צװײ יאָר. היטלער האָט אָנגעװאָרפן זײן פחד אויף דער גרױסער װעלט. גלײכצײטיק זײנען געקומען פארשײדענע געשעענישן און פארטײאישע קריגערײען אין ארץ-ישראל. װידער קומט ארױס בערל מיט זײן "נײן!" - א נײן אונטער װעלכן עס באַהאלט זיך א גרױסער מאראלישער "יאָ", װאָס גײט װײט אריבער די גרענעצן פון "צײט און פלאץ:

„און מרדכי האָט זיך ניט פאַרנויגט און ניט געביקט"

„עס האָבן זיך אָנגערוקט טעג אין וועלכע עס זײַנען נישטאָ קײן ליכטיקע לײזונגען. מיר שטײען מיט דעם רוקן צו דער וואַנט און קײן שום לײזונג וועט נישט קומען פון אונטערגעבן זיך. דער געראַנגל וועט זײַן אַ שווערער, אָבער עס הענגט אָפּ פון אונז, מיר זאָלן זיך נישט אונטערגעבן. דער אומגליק פון דער וועלט באַשטײט ניט אין דעם וואָס היטלער האָט גובר געווען, נאָר אין דעם וואָס די וועלט האָט זיך אים אונטערגעגעבן. עס האָבן זיך אונטערגעגעבן אַרבעטער און אינטעלעקטואַלן, עס האָבן זיך אונטערגעגעבן לענדער און גרויס-מאַכטן. אַ שוואַכקײט האָט באַפאַלן די ציוויליזירטע וועלט, אַ שוואַכקײט פון ווילן און מאָראַל. די וועלט איז געוואָרן אַ פרײַוויליקער קרבן.

טראָץ אַלע אונזערע יסורים אין לאַנד מעגן מיר שטאָלצירן דערמיט, וואָס מיר זײַנען ניט געטראָפן געוואָרן פון דער דאָזיקער שוואַכקײט. מיר האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן. דער געראַנגל וועלכן מיר פירן איצט שוין דאָס דריטע יאָר איז נישט בלויז קעגן די טעראָר-באַנדעס און דעם מופתי. דאָס איז דאָס אײנציקע אָרט אין דער וועלט וואו מען האָט דעם מוט צו באַקעמפן מוסאָליני'ן און היטלער'ן.

די מגילה אסתר, וואָס בדרך כלל דערמאָנט זי אין אונזער דערנידערונג, האָט אײן פסוק: „און מרדכי האָט זיך נישט פאַרנויגט און נישט געביקט". דער דאָזיקער פסוק סימבאָליזירט דאָס טיפֿסטע אין דעם קיום פון ייִדישן פאָלק. אפילו ווען די גאַנצע וועלט נעמט אָן המן'ס הערשאַפט, פאַרנויגן מיר זיך נישט און מיר ביקן זיך נישט פאַר אים.

די איצטיקע שעה איז נים פון לײזונגען, נאָר פון א געראנגל פאר אונזער סאמע עקזיסטענץ. נישט איצט איז די צײַט אויף צו שפילן זיך מיט נוסחאות אָדער צו פירן אינערלעכע קאמפן װעגן נוסחאות. נישט זײ װעלן איצט באשטימען אונזער גורל. װען דער חלום פון טשארטער איז אנטרינען געװאָרן און עס האָבן זיך אנט־פלעקט אלע שװעריקײטן און די װײטקײט פון ציוניסטישער פארװירקלעכונג, האָבן מיר נישט אויפגעגעבן אונזער ציוניזם. דער הארי זאנט האָט זיך פארװאָלקנט אָבער מיר האָבן זיך פאר׳עקשנ׳ט און האָבן זיך אינגאנצן ארײַנגעװאָרפן אין דעם באַ־גרענעצטן ארבעטס־קרײַז װאָס איז געלעגן פאר אונז. װער עס האָט זיך געװידמעט דעם "באטאנישן ציוניזם", װי ער פלעג דאָן "מיט שפאָט באצײכנט װערן - האָט עפּיס אויפגעטאָן. מיר זײַנען אײַנגעזינקען געװאָרן אין "קלײניקײטן", אָבער דורך די דאָזיקע קלײניקײטן האָבן מיר געלערנט צו באהעפטן זיך מיטן לאנד און מיט זײַן װיזיע.

מיר זײַנען ארומגערינגלט פון שונא - אין דער װעלט און אין לאנד. אויפן באָדן פון ארץ־ישראל דארפן מיר ארויס קעגן דעם שונא אין קריג. דער ישוב טוט און װעט זײַנס װײַטער טאָן. די אנטשײדונג װעט אָבער נישט קומען אָן דער הילף פון דעם צוזײטן און צושפרײטן פאָלק. מיר האָבן געזען א גוטן סימן אין דער דערװאַכונג װאָס האָט ארומגענומען דאָס אמעריקאנער ײדנטום. מיר דארפן פארװאנדלען די דאָזיקע דער־װאַכונג אין אָנהויב. ס׳איז נויטיק אז אמעריקע זאָל זיך אָפּרופן אויף א גרויסער עליה, אויף הגנה און באָדן באפעסטיקונג. ס׳איז נויטיק אז װײַטע און נאָענטע זאָלן פילן אז די עקזיסטענץ פון ײדישן פאָלק ליגט אויף דער װאָג־שול. היטלער ברענגט צרות און לײדן נישט נאָר

אויפן דייטשן ידנטום - ער ברענגט דערנידריגונג און הפקרות אויף יעדן ייד, וואו נאר ער געפינט זיך. ארץ-ישראל ראטעוועט דעם יידן און דערהויבט אים. אויך ניט-ציוניסטן דארפן אנער-קענען, אז ארץ-ישראל דערהויבט דעם כבוד פון יידישן פאלק און איז א מקום-מקלט פאר א סך, א סך יידן. דאס איבער-לאזן אויף הפקר ארץ-ישראל מיינט איבער-לאזן אויף הפקר דאס יידישע פאלק צו דערנידריגונג און פארניכטונג. דאס איז די באדייטונג פון דער גרויסער מלחמה וואס איז אויף אונז ארויפגע-צוואונגען געווארן."

עס זיינען אריבער נאך אכצן חדשים. לענדער האבן זיך אונטערגעגעבן, פעלקער זיינען פארקנעכט געווארן, מיליאנען מענטשן-צווישן זיי טויזנטער און טויזנטער יידן - זיינען אומגעקומען. בלוט און פייער האבן ארומגעוויקלט די וועלט. בערל, וועלכער האט נאך אין יאר 1938 געפילט, אז מיר שטייען מיטן רוקן צו דער וואנט, קומט ווידער ארויס מיט זיין אנטשלאסענעם "ניין":

„לאמיר ניט פארשעמען אונזער גורל"

אויף דעם לאנגן און יסורים-פולן וועג פון אונזער געשיכטע, האבן מיר זיך דערוואָרבן א צאל ווערטן וואס איינציקע פון זיי האבן מיר געלערנט צו פאר-היטן ביז מסירת-נפש. אט זיינען מיר אבער ווידער אריינגעטאן געווארן אין א ליטערנדיקן אויוון און די ערשטע באגריפן פון פארהיטן ווערטן און פון מסירת נפש ווערן אין אונז באניט. נאך מער: די יונגע צווייגן אויף דעם בוים פון פאלק האבן ארויס-געגעבן עטלעכע נייע ווערטן. א ביישפיל איז דער אומקער צו דער העברייאישער

שפראך. אויך דאָס פאָדערט אין אונזערע
טעג מסירת־נפש און די געפּענטעטע פליגל
פון דער העברייאישער פּאָעזיע אין סאָוויעט־
רוסלאנד זיינען אן עדות דערצו. און
נאָך א קנין וואָס אונזערע לעצטע דורות
האָבן באַניט - זינט דעם "משא נמירוב"
און דער פארטיידיקונג אין" האמעל און
דעם "השומר" אין לאנד - איז די פאר־
הייליקונג פון פארטיידיקונגס־וואָפן.
די יאָרן פון "אומרוען" האָבן אויס־
געברייטערט דעם" דאָזיקן קרייז, האָבן
אין אים אריינגעבראכט צענדליקער טויזנ־
טער און האָבן פארפלאנצט די דאָזיקע
ווערטן אין דעם הארץ פון ישוב.

די דאָזיקע פארטיידיקונגס־וואָפן מעג מען
פארטיידיקן, ס'איז א פליכט צו פארטיידיקן.
און מען דאַרף פארפלאנצן דעם אלגעמיינעם
באוואוסטזיין אין ישוב, אז אויף אזעלכע
וואָפן איז מען נישט מוותר. מען דארף
אויך געבן די הערשער פון לאנד צו
פארשטיין אז אזעלכע וואָפן פון אזא
ישוב נעמט מען ניט צו.

אין דער געשיכטע פון יידישע מלחמות,
נאָך פון די ציטן פון גדעון און יהודה
המכבי, חזר'ט זיך איבער די דערשיינונג
פון מעטים קעגן רבים. דאָס איז אפשר
וואָס דערוואַרט אונז אין די נאָענטסטע
טעג. לאָמיר ניט פארשעמען אונזער
גורל. ס'איז דאָ א פעסטער ווילן צו
גלויבן, אז דער פארטיידיקונגס־ווידער־
שטאנד פון דער שארית ישראל אויף
אונזער באָדן ליגט אין געטרייע הענט,
וואָס וועלן ניט מיד ווערן און וועלן
אונז ניט אנטוישן אין דעם טאָג פון
נסיון."

"דער פעסטער ווילן צו גלויבן" איז
אפשר דער מקור פון בערל'ס גאנצער לערע

און טעטיקייט: ער האָט געגלויבט, אָפּטמאָל אומבאוואוסטזיניקערהייט, און דער דאָזיקער גלויבן איז געווען דער קוואַל פון זיין שאַפונג. דער קלאָרער שכל און דער ניכטערער בליק האָבן נאָר געהאָלפן אויסברייטערן די האָריזאָנטן פון דער שאַפונג. דערפאַר האָט בערל זוכה געווען צו ווערן דער וואָרט־זאָגער און לערער פון דער באַוועגונג, וועלכע איז געוואָרן דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין דער גרינדונג און פירונג פון דער ייִדישער מדינה.

עַל מוֹת

לזכר ברל כצנלסון

מאת נתן אלתרמן

לִי הוּא — אָמַר הַסֵּפֶר —
כִּי זְכָרַנִי בְּכָל אֳרָחוֹת.
וְיָדַע שְׂרֹף מַחְשֶׁבֶת עַד אֵפֶר
וְלִבְנוֹת מַחְשָׁבָה עַד טְפָחוֹת.
וְיָדַע כִּי הָרוּחַ רֹאשׁ־חֵפֶץ,
וְהַשְּׁאָר בִּלְעָדֶיהָ — שְׁפָחוֹת.
לִי הוּא — אָמַר הַסֵּפֶר —
כִּי הָיִיתִי לוֹ אַב־שְׂמָחוֹת.

לִי הוּא — אָמַר הַדֶּגֶל —
כִּי בְּלִי חֹנֶף נָשָׂא לִי מַשְׂאֵת,
וְיָקָר מִתְּרוּעוֹת עוֹלֵי־רֶגֶל
לִי הָיָה הֶגְיוֹנוֹ הַשּׁוֹפֵט.
וְיָדַעְתִּי אֲנִי כִּי אֵין רֶגַע
אֲשֶׁר אֵין הוּא שׁוֹמְרֵנִי מֵחֵטְא.
לִי הוּא — אָמַר הַדֶּגֶל —
אֶשְׁתַּחֲוֶה לוֹ כִּי בָאָה עֵת.

לִי הוּא — אָמַר הַבַּיִת —
כִּי מִמֶּנִּי יָדָיו לֹא גָרַע.
וְגַחַן לְנַכֵּשׁ הַשַּׁיִת
וְאֶל חֹמֶר וָטִיט כָּרַע.
וְעִם כָּל הַמְּלָאכוֹת שָׁת כַּפַּיִם,
וּבַפֶּרֶץ עָמַד בַּצָּרָה.
לִי הוּא — אָמַר הַבַּיִת —
כִּי עָמַל כְּבוֹנִים עֲשָׂרָה.

לִי הוּא — אָמַר הָרֵעַ —
גַּם עֵת רָב בִּי רִיבוֹ וַיֶּחֱזַק.
כִּי אָהַבְתִּי שִׂכְלוֹ הַקּוֹרֵעַ
אֶת מַסְוֹות הַדְּבָרִים כְּבְמִשְׂחָק.
וָאֶרְדֹּף פִּקְחוּתוֹ, כְּקוֹטֵעַ
הָרוֹדֵף אַחֲרֵי הַבָּרָק.
לִי הוּא — אָמַר הָרֵעַ —
וְאִתִּי הִנּוֹ גַּם אִם יִרְחַק.

לִי הוּא — אָמְרָה כִּנֶּרֶת —
כִּי אֵלַי הוּא מוֹשָׁב חוֹלֵם.
הוּא דוֹבֵב מַעֲשִׂים וַעֲצֶרֶת,
רַק אִתִּי הוּא נִשְׁאָר אִלֵּם.
וַאֲנִי עִגּוּלוֹ סוֹגֶרֶת
כְּמוֹ אֶבֶן פְּשׁוּטָה עִם שֵׁם.
כִּי שֶׁלִּי הוּא — אָמְרָה כִּנֶּרֶת —
מֵרֵאשִׁית הַיָּמִים הָהֵם.

קורצע אָפּשאַצונגען

א פּערזענלעכקײט מיט א דרײַפאַכן פּאַרנעם

פון משה שרת

אײנע פון בערל קאַצענעלסאָן׳ס אײגנשאַפטן איז געווען זײַן פֿײאיקײט צו פאַראינטערעסירן זיך צוגלײַך מיט מענטשן און מיט זאַכן. ער האָט פאַרמאָגט א שטאַרקע נײגונג צו פערזענלעכע קאָנטאַקטן מיט מענטשן. דאָס זוכן פון ווערטפולע מענטשן, דאָס אַנטדעקן מענטשן מיט א געטלעכן ניצוץ אין זײערע הערצער, אומאָפּהענגיק פון זײער לעבנס-שטײגער אָדער פּראָפעסיע, איז געווען זײַן גרעסטער לעבנס-באַגער. ווען איך זאָג ווערטפולע מענטשן, האָב איך נישט אין זינען וויכטיקע מענטשן אין אָנגענומענעם זין פון וואָרט; ניט מענטשן וואָס האָבן זיך שוין דערוואָרבן זײער פּלאַץ און פּאָזיציע און וועמענס השפּעה איז שוין מערקבאַר אויף דעם גאַנג פון געשעענישן. דאָס וואָס האָט דערפרײט זײַן האַרץ איז געווען די אַנטדעקונג פון א מענטשלעכן קנאָספּ פאַר זײַן פונאַנדערבליִ. דעמאָלט איז ער אים נישט צוגעגאַנגען עפּענען מיט די הענט, נאָר ער פלעג נאָכפאָלגן זײַן נאַטירלעכן וואוקס, אמאָל כדי שפּעטער אַנטוישט צו ווערן, אָבער צײַטנווײַז ארויסצוקומען מיט א פרײדיקן-שאל ווען א נבואה איז מקוים געוואָרן און ער האָט געזען די פאַרווירקלעכונג פון א צוזאָג וואָס דריקט זיך אויס אין דער יצירה-פֿײאיקײט פון דעם מענטשן און אין זײַנע קאָנקרעטע מעשׂים.

צוזאַמען מיט זײַן שאַרפסטער וואַכזאַמקײט כלפּי דעם מענטשלעכן פּרט, איז געקומען בערל׳ס טיפער גלויבן אין דעם כּח פון שעפערישן געדאַנק. ער האָט שטענדיק געלעבט אין דער וועלט פון גײַסט, אין דער ספערע פון געדאַנקען, אָבער זײַן כּח איז ניט געלעגן אין אַבסטראַקטער מחשבה און אין דערבאַטעם לשמה. די געדאַנקען האָבן

באהערשט זײַן הארץ און אים באוואויגן צו מעשים און אָנשטרענגונגען. דער יצר צו פארווירקלעכונג האָט אים קײנמאָל נישט פארלאָזן. דער ווילן און די פײַאיקײט צו פארווירקלעכן זײַנען בײַ אים געווען דער העכסטער פרואוו פאר דער אָפּשאצונג פון א פערזענלעכקײט אָדער א באַוועגונג. אויך די באַדײַטונג פון אן אידײע איז בײַ אים אויספּרובירט געוואָרן לויט דער מאָס פון איר עפעקטיווקײט צו דערוועקן אין מענטשלעכן הארץ דעם ווילן צו ווירקן.

די דאָזיקע אײַנציגארטיקע סינטעזע פון זײַן וואכזאמער באציאונג צו מענטשן מיט דער באגײַסטערונג וואס ער האָט געהאט פאר יעדן שעפערישן געדאנק איז פארדאָפּלט געוואָרן דורך דעם צײַט עלעמענט. פון דעם שטאנדפּונקט זע איך אים ווי א פערזענלעכקײט מיט א דרײַפאכיקן פארנעם. ווען דו ביסט געקומען מיט אים אין קאָנטאקט און ביסט צו אים אריַנגעקומען זיך מײַשב זײַן, האָט פון אים ארויסגעשטראלט זײַן געניאַלער גײַסט דורך די אלע דרײַ זײַטן פון זײַן פערזענלעכקײט.

(„דבר" 15-8-52)

דער עיקר פון זײַן כח

פון יעקב פיכמאן

אין דעם חן פון בערל קאצענעלסאָן'ס פערזענלעכקײט איז געלעגן דער עיקר פון זײַן כח; און טראָץ דעם וואָס ער האָט קײנמאָל נישט געוואָלט באווירקן אנדערש ווי דורך זײַנע געדאנקען - איז קײן ספק נישטאָ, אז די פערזענלעכע סימפּאטיע וואָס ער האָט צו זיך דערוועקט האָט פאר אים געווינען מענטשן ניט ווײַניקער ווי דער כח פון זײַן מחשבה און אויסדרוק. אָן דעם דאָזיקן פערזענלעכן חן ווירקט נישט קײן מנהיג, קאָנסאָלידירט נישט

קײן הערצער און פארוואנדלט נישט דעם
געדאנק אין א לעבנס־כח.

אין דעם האָט זיך אויסגעדריקט זײַן
אנדערשקײט. ער איז געווען קודם דער לערער
און נאכהער דער מנהיג. זײַן עצם שטרעבונג
איז געווען צו לערנען, אַרײַנצודרינגען און
אויפצוקלערן זײַנע לעבנס־געדאנקען און נישט
נאָר צו באַגײַסטערן.

(„דבר" 10-8-47)

א פראנטאלער ענטפער

פון ז. שזר

בערל האָט גורס געווען: „מן המיצר
קראתי יה - ענני במרחב יה!" מיט אנדערע
ווערטער: ווען דאָס פאָלק געפינט זיך אין א
קלעם, אין א גײַסטיקן קריזיס און איז אַנ־
טוישט - דאַרף געגעבן ווערן א פראנטאלער
ענטפער! בערל, דער מענטש מיטן קלאָרן
בליק און אכזריות'דיקער דורכדרינגלעכקײט,
האָט געוואוסט צו גיבן א פראנטאלן ענטפער
אין א צײַט פון גײַסטיקן קריזיס אין דעם לעבן
פון דור. אזא איז געווען זײַן ענטפער
אויפן קריזיס אין רוסישן ײדנטום אין 1905
ווען עס איז געקומען די צווײטע עליה. אויך
אין דער צײַט פון דער אײראָפּײאישער קאטאַ־
סטראָפע - וועגן וועלכער בערל האָט נישט גע־
רעדט און זײַן שווײַגן איז געווען שרעקלעך -
האָט ער ארויסגעזאָגט דעם פסוק וועגן דער
האק וואָס האָט צושפּאָלטן דעם בוים אויף
צווײען און האָט אָנגעוויזן אויף דעם ענטפער
וואָס ליגט אין דער עטאבלירונג פון א
ײדישער מדינה. נאָך בײַם אָנהויב פון זײַן
וועג אין אונזער געזעלשאפט פלעגט ער שטענדיק
זאָגן, אז ארץ־ישראל וועט אויפגעבויט ווערן
דורך „צעבראָכענע הערצער".

(„דבר" 9-10-52)

דער רבי פון דער ישראל׳דיקער ארבעטערשאפט

— פון דוד זכאי

יעדער פון אונז האט אימיצען, וואס אין צייטען פון פארצווייפלונג, ווען מען שטייט פאר גרויסע געשעענישען און מען דארף זיך אנטשליסען, דערמאנט מען זיך אין אים און מען פרעגט: וואס וואלט ער געזאגט, ווי וואלט ער רעאגירט? מיר זוכען, כביכול, שטיצע ביי אים.

שוין 15 יאר אז בערל קאצענעלסאן איז ניטא אבער נאך איצט זענען פאראן אין ישראל א סך מענשען, צווישען זיי די וויכטיגסטע פירער פון לאנד, וואס ניט איינמאל, אין צייטען פון גורל׳דיגע באשלוסען, טראכטען זיי: וואס וואלט בערל געזאגט. אויך דער מענש וואס שטייט איצט אין דער שפיץ פון דער ישראל־רעגירונג וואלט ניט איינמאל געוואלט וויסען ווי אזוי בערל וואלט געהאנדעלט ביי דער אדער יענער סיטואציע. דאס איז ניט סתם "חסיד׳יש" און פיעטעט; דאס שטאמט פון גוטען וויסען, באשטעטיגט פון לאנג־יאריגען נסיון, אז ביי אים, ביי בערל׳ען, איז די ריכטיגע עצה, די טיף־איבערגעטראכטע דעה, די גרויסע אינטואיציע, דער ווייט־גייענדיגער בליק.

וואלט בערל קאצענעלסאן זוכה געווען צו דערלעבען די מדינה, וואלט ער געווים ניט אנגענומען קיין מיניסטער־פאסטען, אפילו ניט דעם סאמע פאסיגסטען פאר אים אלס מיניסטער פאר קולטור און דערציאונג, אבער עס וואלט ניט געווען קיין איין מיניסטער וואס וואלט נישט געזוכט זיין עצה, וואס וואלט זיך ניט מישב געווען מיט אים און זיין השפעה וואלט זיך זיכער אויסגעווירקט אויף אלץ, פונקט ווי עס איז געווען ביי זיין לעבען. אן איבערטרייבען און מיט א ריינעם געוויסען קען מען זאגען, אז ס׳איז ניט געווען אין דער ארבעטער־באוועגונג און אין ישוב בכלל קיין איין וויכטיגע אינסטיטוציע, קיין איין גרויסע אונטערנעמונג, סיי קולטורעל, סיי ווירטשאפטליך, וואס איז ניט געווען באאיינפלוסט פון אים, וואס איז ניט באפרוכפערט געווארען פון זיין גייסט. פון א סך פון זיי איז ער געווען דער פארלויפער, דער באגרינדער און גרינדער. ניט נאר

די ארבעטער באוועגונג אין ישראל זעט אים, און מיט רעכט, אלס איר הויפט־בויער. דער ישוב בכלל און די ציוניסטישע באוועגונג בפרט דארפען באטראכטען אים אלס איינעם פון זייערע גייסטרייכסטע און איינפלוסרייכסטע פערזענליכקייטען.

קוקט מען אריין אין זיין גייסטיגער ירושה, ווי זי ליגט פאר אונז אין זיינע געזאמעלטע שריפטען, זעט מען ווי גרויס און ברייט עס איז געווען זיין גייסטיג געזעלשאפטליכער פארנעם און ווי רייך עס איז זיין ביטראג צום געדאנקען־גאנג פון אונזער דור.

די נייע אידישע פובליציסטיק אין ישראל, די אזוי גערופענע "ספרות העבודה", ווייסט ניט פון קיין טיפערע, מער אומפאסענדע און בעסער אויסגעדריקטע געדאנקען ווי זיינע. בערל קאצענעלסאן איז געווען פיל מער ווי זיין שריפטליכע ירושה ווייזט אונז. ער האט געהערט צו די מענשען וואס זייער פערזענליכקייט האט זיך אנטפלעקט אין מעשים און אין רייד.

אין זיין גאנצן באנעם איז ער געווען אסך רייכער, פילפארביגער און רייצענדער ווי אין זיינע שריפטליכע אויסדרוקען. פנים אל פנים, אין פערזענליכער בארירונג, אין אינטימען שמועס, מער ווי אויף דער רעדנער - פלאטפארמע, פלעגט ער זיך אנטפלעקען אין זיין פולען גלאנץ, שארפזין און קלוגשאפט און פלעגט אויך באצויבערען מענשען, וועלכע עס איז גארניט גרינג געווען צו בעאיינפלוסען.

אין ישראל ווערט איצט צוגעגרייט א זאמלונג פון זיינע בריוו. בערל האט זעהר פיל געשריבען, גאר ווי א מענש פון 19טען יארהונדערט. די בריוו וועלען זיכער אנטפלעקען נייע, ביז איצט אומבאקאנטע שטריכען פון זיין פערזענליכקייט און וועלען ווייזען ווי טיף עס זענען געווען זיינע ווארצלען אין אידישען לעבען, קולטור און ליטעראטור פון אלע דורות און ווי פארצווייגט עס איז געווען זיין אינטערעס פאר אלץ מענשליכעם. און איבער אלץ, וועלען די בריוו ווייזען זיין אמת־אויפריכטיגען אינטערעס פאר'ן יחיד, ווי ווייט ער איז בייגעשטאנען דעם יחיד אין צייטען פון נויט און פארצווייפלונג און וואס פאר א השפעה ער האט געהאט אויף מענשען. צוליב דעם אלעמען איז ער אומפארגעסליך.

איך וויל דא אויפריכטיג זיין און זאגען: די יוגענט אונזערע אין ישראל, די „סאברעס", קענען בערל'ען ווייט צו ווייניג, כאטש לערער און מדריכים אין אלע יוגענט־באוועגונגען באמיען זיך ביי סעמינארען און צוזאמענקונפטען באקענען זיי מיט זיינע אידייען און אנשויאונגען, וואס זענען עד־היום די הויפט־יסודות פון דער חלוצ'ישער ארבעטער - באוועגונג אין ישראל און פון דער הסתדרות. מיר האפען אבער, אז די דאזיגע דערשיינונג ביי אונזער יוגענט איז א צייטווייליגע און וועט פאראיבערגיין און דאס ליכט פון די ראשנים וועט ווידעראמאל אויפגיין, און צווישען זיי אויך דאס ליכט פון בערל קאצענעלסאן.

- - - - -

פון בערל'ס ווערטלעך

מ'קען געווינען אין א דיסקוסיע און פארלירן אין לעבן.

- - - -

איך שאץ נישט מענטשן לויט זייערע רייד

- - - -

ס'איז דא א סאטיספאקציע, אבער נישט קיין באגנוגענונג דערמיט וואס איז ביז איצט דערגרייכט געווארן.

- - - -